№ 15 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | צעהנטער יאהרגאנג. | פרייז 20 גראשען. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

פּאַר'ן ט... 25 גראשען ... טעקסט
אין טעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפּאַלטען.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פרייז: א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZESTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך.

Piątek, dnia 10 kwietnia 1931. | ליכט-צינדען 6.13 | פרייטאג, פ' שמיני כ"ג ניסן תרצ"א.

Biblioteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

א עונג = שבת פאר די טשענסטאכאווער יודען!

פרייטאג, ד. 24 אפריל קבלת-שבת און צומארגענס שבת אינדערפריה וועט דאווענען אין דער נייער סינאגאגע

מ. קוסאוויעצקי

דער בעריהמטער אבער-קאנטאר פון דער ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע, דער זינגער פון גאט'ס גענאד, וועלכער פערמאגט די פענאמענאלסטע שטימע פון 20-טען יאהרהונדערט וועלכער האט געשלאגען דעם רעקארד אין דער גאנצער וועלט מיט זיין העלדען-טענאר

בילעטען אויף פרייטאג און שבת פרייז 2.50, באלקאן 1.50 שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן.

NAJSTARSZA w CZĘSTOCHOWIE

FARBIARNIA i CHEMICZNA PRALNIA ALEKSANDRA HEININGERA

założona w r. 1860

po gruntownej reorganizacji i zmodernizowaniu swego przedsiębiorstwa poleca Szanownej Klijenteli swe usługi

Wykonuje:

Farbowanie przędzy wełnianej, bawełnianej, jutowej i jedwabnej oraz wszelkich materjałów w sztukach, GARDEROBY DAMSKIEJ, MĘSKIEJ i DZIECIĘCEJ, DYWANÓW, PORTJER, KORONEK i t. p.

Chemiczne oczyszczenie i pranie wszelkiej garderoby, dywanów, kap, koronek, portjer, firanek i tkanin przy zastosowaniu najnowszych środków chemicznych nieszkodliwych dla najdelikatniejszych materji.

Wieloletnia działalność mojej firmy dała Sz Klienteli dowody, o solidności wykonywania powierzonych mi robót. Obecnie wobec ulepszonych systemów pracy oraz znacznemu zniżeniu cen, daje gwarancje szybkiej i starannej obsługi.

Z poważaniem
Aleksander Heininger.

Ceny znacznie znizone!

Fabryka: Częstochowa, ul. Zaciszańska № 8, tel. 360.
Sklep: „ ul. Panny Marji № 32, tel. 207.

Sklepy: w Częstochowie, ul. Narutowicza № 20.
w Piotrkowie, ul. Piłsudskiego № 41.

צו דער פערלאבונג פון מיין געטרייע פריינדין **בעלא מיענטקעוויטש** מיט ה' **יאקוב אלעקסאנדראוויטש** ווינש איך אייך א גליקליכע צוקונפט, זאל אייער וועג זיין בעצירט מיט בלומען.

העלא רודניצקא טשענסטאכאוו.

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינדין **בעלא מיענטקעוויטש** מיט ה' **יאקוב אלעקסאנדראוויטש,** ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט

העלא וואלמאן.

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינדין **בעלא מיענטקעוויטש** מיט ה' **יאקוב אלעקסאנדראוויטש,** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמען-לעבען ווינשט

רעגינא קרעבסמאן.

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **בעלא מיענטקעוויטש** מיט ה' **יאקוב אלעקסאנדראוויטש,** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב

ישראל סקאווראנעק און פרוי.

בעקאנטמאכונג.

עס איז בעשלאסען געווארען ביי א גרויסער פערזאמלונג און מיט דער הסכמה פון **הרב אש שליט"א** אז די ת"ת „מחזיקי הדת" וועט שיקען נאך יום-טוב איינקאסירען די נדרים פון הזכרת-נשמות. מיר בעטען אלע מענער און פרויען אונז בייהילפיג צו זיין.

די פערוואלטונג פון ת"ת „מחזיקי הדת".

שבת-צו-נאכטס, פ' שמיני כ"ד ניסן, דעם 11 אפריל ד. י.

8 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון „מזרחי", אגראדאווע 14

א גרויסע פארוואהל=פערזאמלונג

אויף וועלכער דער וואהל-קאמיטעט וועט זיך קאנסטיטואירען און דער מזרחי-פיהרער, בעקאנטער טאלענטפולער מטיף **הר' יוסף שמעון קאבלינץ** וועט רעדען וועגען:

די אויפגאבען פון רעליגיעז-נאציאנאלען יודענטום ביי די פארשטעהענדע קהלה-וואהלען.

אלע רעליגיעז-נאציאנאלע יודען דארפען אומבעדינגט זיין אנוועזענד. — — **איינגאנג פריי.**

נ"ע יעקב גרינבוים

איז געשטארבען אין עלטער פון 74 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 10-טען אפריל ד. י.

12 א זייגער מיטאג פון דער וואוינונג, פילסודסקי 19.

די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי און קינדער.

דערמיט זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער עלטסטען מיטגליד און גבאי

יעקב גרינבוים נ"ע

די לויה קומט פאר היינט **פרייטאג** 12 א זייגער פארמיטאג פון זיין וואוינונג פילסודסקי 19.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער איבערגעבליבענער פאמיליע.

דאס קאמיטעט, גבאים און מתפללים
פון דער שטאדט-שוהל.

Niniejszem składam podziękowanie

Towarzystwu Ubezpieczeń „EUROPA" Sp. Akc. w Warszawie

a w szczególności **Głównemu Inspektoratowi w Częstochowie** za szybkie wypłacenie mi kapitału pośmiertnego po mężu moim Ś. P. Michale Zawadzkim ubezpieczonym za polisą Nr. 11665.

Olga Zawadzka.

כסף וזהב יענה את הכל! געלד איז איבער אלעם!

אין די היינטיגע שווערע צייטען קענסטו בעקומען געלד ווען די קויפסט א לאס אין דער קאלעקטור פון

J. WEKSLER, ALEJA 6

דאס גרעסטע געווינס איז: **איין מיליאן זלאטעס**

אויסערדעם נאך געווינסען: 400,000, 300,000, 200,000, 100,000,
און נאך הונדערטער קלענערע געווינסען. 75,000, 50,000, 25,000, 10,000

יעדער צווייטער לאס געווינט! — — א צעטיל קאסט נאר 10 זלאטעס!

עס איז שוין צו בעקומען צעטלען פון דער ערשטער קלאס פון דער 23-טער מלוכה-לאטעריע.

א צעטיל קאסט 10 זלאטעס!

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער

קאאפעראטיווער האנדעלס=באנק

Spółdzielczy Bank Handlowy

קומט פאר מארגען, שבת, ד. 11 אפריל 1931 י. 8 אווענד אין אייגענעם לאקאל, נייער מארק 4.

דער יעהרליכער בעריכט ווי אויך דער טאג-ארדנונג איז צום אדורכזעהען אין באנק-לאקאל.

עפענטליכע ערקלערונג.

היות ווי אין דער שטאדט האט זיך פערשפרייט קלאנגען, אז מיר זאלען האבען כלומרשט אויסגעבאקען מצות מיט געשמוגעלט מעהל, ערקלערען מיר עפענטליך, אז דאס איז שקר וכזב און די פערשפרייטער פון די פאלשע קלאנגען וועלען מיר צוציהען צו פעראנטווארטליכקייט.

יוסף און **נחמן אוויעטשקע**
אגראדאווע 18.

די פערוואלטונג פון „בית לחם" דריקט דערמיט אויס א הערצליכען דאנק די צוויי ווארשטעט-הענדלער, די ה"ה: **גרוימאן** און **קויפמאן,** וועלכע שענקען יעדעס יאהר אויף פסח שמאלץ פאר די אבגעקומענע יודישע בכבודע פאמיליעס און האבען אויך איצט אויף פסח געשענקט צוויי וויאדרעס שמאלץ.

זאל די דאזיגע טהאט דיענען אלס ביישפיל פאר אנדערע!

הסתדרות „תרבות", סניף בצ'נסטוחובה.

במוצאי-השבת 11 אפריל, בשעה שבע תתקיים באולם ההסתדרות הציונית פילסודסקי 13

אספה כללית.

סדר-היום:

א) פתיחה, ב) בחירת יושב-ראש, ג) דין-וחשבון של פעולות הסניף, ד) דין-וחשבון כספי, ה) ופוחים, ו) ועידת „תרבות" הרביעית, ז) ופוחים, ח) שאלות הסתדרותיות, ט) בחירת ועד, י) שונות.

כל העברים מתבקשים לבוא.

NOWOOTWORZONA

Pracownia Okryć Damskich

IGNACY MAJORCZYK

Częstochowa, I Aleja 12

(front I piętro)

przyjmuje na nadchodzący sezon wiosenny i letni wszelkie zamówienia.

Najnowsze modele, wykonanie solidnie.

פאראגראפען.

אין קיין שום געזעץ ווערען די פאראגראפען נישט אזוי שטארק אונטערזוכט און קאמענטירט ווי אין דעם נייעם קהלות-געזעץ.

דאס דאזיגע געזעץ האט די יודישע בעפעלקערונג דעם איינדרוק, איז געשאפען געווארען אונטער דעם איינפלוס און די השפעה פון איין ריכטונג אין יודישען פאלק; די „אגודה", און דאריבער ווייל מען זעהען און מען געפונט אז אין פיעל פונקטען און פאראגראפען פון דעם קהלות-געזעץ ווערט זי פאוואריזירט און די אנדערע יודישע שיכטען ווערען בע'עולה'ט.

די מאכט, ווי מיר האבען שוין פיעל מאל בעטאנט, האט געוואלט אין דעם נייעם געזעץ אויסדריקען אמפולט'סטען, אז די יודישע קהלות זענען ריין-רעליגיעזע און זייער אויפגאבע מוז זיך קאנצענטרירען נאר אין ענינים, וועלכע זענען ענג פערבינדען מיט דעם יודישען דת, און מעגליך, אז דאס האט טאקי דערפיהרט צו אזאלכע פאראגראפען, וועלכע דער פשוט'ער מענש קען בשום אופן נישט פערשטעהן, ווי, למשל, די רעכט פון דער אויפזיכטס-מאכט צו שטרייכען מיטגלידער פון דער וואהל-קאמיסיע אהן שום מאטיווען, צוליעב וועלכען עס זענען, למשל, ביי אונז אין שטאדט, אויסגעשטראכען געווארען פערזאנען, וואס זייער רעליגיעזישקייט קען נישט קוועסטיאנירט ווערען, און אויך אזעלכע וואס זענען פאליטיש העכסט כשר, מען האט זאגאר ביי אונז אויסגעשטראכען פון די קאמיסיע-מיטגלידער דעם קהלה-פרעזעס גופא, א זאך, וואס האט דאכט זיך נישט פאסירט אין קיין שום יודישע קהלה, זאגאר ביי די איצטיגע וואהלען.

און אויב מיר זעהען, אז דאס נייע געזעץ קען אונז ברענגען אזאלכע סיורפריזען, וועגען וועלכע מיר האבען זאגאר נישט געקענט טראכטען, איז שוין נישט קיין וואונדער, וואס דער עולם גריבעלט זיך אזוי שטארק אין די אנדערע פאראגראפען און זוכט דארט צו געפונען אזאלכעס וואס קען אויסגעטייטשט ווערען צו א וועלכען ס'איז צוועק.

און דאביי געהט מען, כסדר, מען „לערנט" די פאראגראפען לויט ווי זיי קומען און לויט'ן וואהל-קאלענדאר, ווען מיר האבען געפרעגט א „אגודה"-פיהרער, אויב ער האט געלעגט אכט אויף דעם פאראגראף 77 (וועגען וועלכען מיר שרייבען ווייטער), האט ער געענטפערט: איך לערן דעם „דף-יומי" און כ'האלט נאכנישט אזוי ווייט...

מילא, וועגען דעם בעריהמטען פאראגראף 20, איז דאך שוין אבגערעדט, וועגען דעם איז דאך שוין אנגעשריבען געווארען א מבול פון ארטיקלען, אין וועלכע ביידע צדדים, די „אגודה" און איהרע געגנער בעמיהען זיך אויפצווייזען, אז ער ברענגט שאדען, אזוי ווייט אז דער מיניסטער אליין האט שוין וועגען דעם גענומען א ווארט און אנגעוויזען, אז דאס מיינט מען נאר די קאמוניסטען, ווען זאגאר די דאזיגע מיניסטעריאלע ערקלערונג איז געקומען עטוואס צו שפעט נאכדעם ווי מען האט שוין אין פיעל קהלות אויסגעשטראכען הונדערטער יודען, וואס קיינער זאגט נישט אויף זיי, אז זיי זענען קאמוניסטען און נאך דער דאזיגער ערקלערונג האט מען די אויסגעשטראכענע נישט צוריק אריינגעשטעלט אין די וועהלער-רשימות.

מיר ווילען דא דערמאנען וועגען דעם פאראגראף 77 אין דעם וואהל-רעגולאמין, וועגען וועלכען דאכט זיך קיינער האט גארנישט דערמאנט, ווייל דער דאזיגער פאראגראף בעציהט זיך שוין אויף נאך די וואהלען, זאגאר נאכדעם ווי די נייע קהלה האט זיך שוין קאנסטיטואירט און געוועהלט די פארזיצענדערס פון ראט און פון דער פערוואלטונג מיט זייערע פערטרעטער, און דער דאזיגער פאראגראף קען לויט אונזער מיינונג אמאל האבען א זעהר וויכטיגע בעדייטונג, און א שטארקען איינפלוס אויף די וואהלען.

דער דאזיגער פאראגראף לויטעט:

„אויב די וואהלען פון די פארזיצערס פון ראט און פון דער פערוואלטונג מיט זייערע פערטרעטער אין א גרויסער קהלה ווערען נישט בעשטעטיגט דורך דער אויפזיכטס-מאכט, מוזען די וואהלען פארקומען א צווייט מאל, א וואך נאכ'ן צושטעלען די ענטשיידונג פון דער אויפזיכטס-מאכט, אויב די געוועהלטע וועלען צום דריטען מאל דורך דער מאכט נישט בעשטעטיגט ווערען נאמינירט די אויפזיכטס-מאכט די פארזיצערס פון ראט און פון דער פערוואלטונג און אויך זייערע פערטרעטער".

דער דאזיגער פאראגראף זאגט קלאר אז אויב די פרעזעסען פון ראט און פון דער פערוואלטונג וואס זענען געוועהלט געווארען דורך דער נייער קהלה, וועלען נישט געפעלען ווערען דער מאכט, האט זי דאס רעכט נאכ'ן דריטען מאל וואהלען, צו נאמינירען אלס פרעזעסען און זייערע פערטרעטער, די פערזאנען וועלכע זי וועט געפונען פאר פאסיג.

דער דאזיגער פאראגראף איז אייגענטליך נישט קיין נייער, ער האט זיך געפונען אויך אין פויריגען קהלות-געזעץ, אבער ווען מיר נעמען אין בעטראכט דאס וואס די מאכט איז איצט אויסען, ווי מיר האבען שוין בעטאנט, וואס מעהר צו אויסדריקען דאס רעליגיעזע אין די קהלות, און בעזונדער דאס וואס די אגודה אלס רעליגיעזע פארטיי זאל האבען א געוויסען איינפלוס אין דער הינזיכט, קען דער דאזיגער פאראגראף ביי די איצטיגע וואהלען האבען א גאר גרויסע בעדייטונג.

עס קענען זיך געוויס געפונען אזעלכע יודישע קהלות, ווי עס האבען אונז בעוויזען דאס שרייבען די וועהלער, וועלכע וועלען דעם דאזיגען פאראגראף אויסנוצען שוין נאך די וואהלען און דאס קען האבען א גרויסען איינפלוס אויף די רעזולטאטען, איבערהויפט ווי מיר ווייסען אז די פרעזעסען פון דער פערוואלטונג מיט'ן ראט פיהרען באמת אן מיט דער גאנצער טעטיגקייט פון די קהלות.

י. פ.

פון דער וואך.

דער 17-טער קאנגרעס.

די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט שוין פערעפענטליכט איהר ענטגילטיגען בעשלוס, אז דער 17-טער קאנגרעס וועט זיך עפנען דעם 29-טען יוני אין באזעל.

ענדערונגען אין דער רעגירונג.

אין דער פוילישער פאליטישער וועלט ווערט ערנסט ארומגערעדט וועגען ענדערונגען אין דער רעגירונג, וואס זאלען פארקומען נאך די קריסטליכע חגאות, אין דער שפיץ פון דער רעגירונג זאל זיך אוועקשטעלען מארשאל פילסודסקי און עס זאל פארקומען א פערזאנען-אויסטויש אין פערשידענע מיניסטעריום'ס.

ריזיגער באנקראט פון „לאדזער האנדעלס-באנק".

אין די פינאנסיעלע און ווירטשאפטליכע קרייזען האט ארויסגערופען א געוואלדיגען שטורם דער באנקראט פון דער „לאדזער האנדעלס-באנק", וועלכע האט זיך גערעכענט אלס איינע פון די גרעסטע בענק אין פוילען.

די דאזיגע באנק איז געגרינדעט געווארען מיט 50 יאהר צוריק דורך די גרעסטע אין יענער צייט לאדזער אינדוסטריעלער און איז געוועזען די פאפולערסטע באנק אין לאדז מיט איהרע אבטיילונגען אין די גרעסטע אינדוסטריע-צענטרען אין לאנד.

די פאסיווען בעטרעפען העכער 30 מיליאן זלאטעס. די דירעקטארען זענען ארעסטירט.

ערד-ציטערנישען.

אין צענטראל-אמעריקא איז פארגעקומען א שרעקליכע ערד-ציטערניש וועלכע האט געגעבען שוידערליכע רעזולטאטען, אייניגע שטעדט זענען אינגאנצען חרוב געווארען. עס זענען פערהאנען טויזענדער הרוגים און נאכמעהר פערוואונדעטע. עס איז אויך פארגעקומען א ערד-ציטערניש אין ארגענטינע.

די פראנצויזישע הלואה.

דאס בעקומען דורך דער פוילישער רעגירונג פון פראנקרייך א הלואה פון א מיליארד פראנק, איז, לויט די לעצטע ידיעות, שוין א בעשטימטע זאך, די סומע וועט בענוצט ווערען אויף צו פערענדיגען דאס בויען די באהן-ליניע אויבערשלעזיען – גדיניא. די עמיסיע פון דער הלואה וועט ארויסגעלאזט ווערען ווארשיינליך דעם 20 ד. ח.

40 טויזענד דונאם!

ווי בעוואוסט האט דער לייטער פון דער „קרן קימת" צענטראלע ה' אוסישקין אויסגעארבייט א פלאן וועגען קויפען אין ארץ-ישראל אין משך פון 5 יאהר 200,000 דונאם באדען, איצט ווערט מיטגעטיילט פון אמעריקא, אז אין די פעראייניגטע שטאאטען זענען שוין געזאמעלט געווארען די סומעס פאר וועלכע מען וועט קויפען פארלויפיג 40,000 דונאם באדען, וועלכער וועט געהערען צום קרן-קימת.

די העברעאישע לעהרערין

ה. הירש – ווראצלאווסקא

מאכט בעקאנט, דאס מיט'ן בעגין חודש אייר ווערען געעפענט קורסען פאר **העברעאיש, יודיש, יודישע געשיכטע** א. ז. וו.

די איינשרייבונג פון די שילערינ'ס איז פון זונטאג פ' תזו"מ דעם 12 אפריל ד. י.

גלייכצייטיג ווערען געעפענט אווענד-קורסען פאר ערוואקסענע אין אייגענעם לאקאל

HIRSZ, Warszawska 8.

BIELIZNĘ damską, męską, skarpetki, pończochy, rękawiczki, reformy, bluzki i chusteczki.

Wielki wybór! Tanio!

w firmie

M. OPATOWSKI, CZĘSTOCHOWA

II-ga ALEJA № 35, w podwórzu.

רעוומאטיזם און ערקעלטונגען.

דאס יעצטיגע וועטער, וואס ענדערט זיך אפט און פלוצלונג איז א סכנה פאר דער געזונדהייט פון יעדען. דערפאר איז אויך כדאי צו לעזען דעם בריעף פון ה' א. גארנטשארעק, לאדז, מיעדזיאנא 22, אין וועלכען ס'שטעהט צ. א.: זייט 4 יאהר ליידער איך אויף רעומאטיזם. פאר יעדער ענדערונג פון וועטער האב איך געהאט שמערצען. איך האב מיך געהיילט אויף פערשידענע אופנים, אבער ליידער אהן ערפאלג. אונלענגסט האב איך אין צייטונג געלעזען וועגען טאגאל געלעזען און הגם איך האב געהאט קיין צוטרוי צו דעם מיטעל, דאך האב איך 1 שאכטעל געקויפט. שוין נאכדעם ווי איך האב עס פערברויכט, האב איך א גרויסע ערלייכטערונג געשפירט אין די געלענקען ביים דריקען מיט די פינגער. דער ערפאלג האט מיך פעראנלאסט רעגעלמעסיג טאגאל דריי מאל טעגליך צו 3 טאבלעטען איינצונעהמען די שמערצען אין די געלענקען זענען פערשוואונדען און איך פיהל בכלל נישט מעהר קיין ענדערונג פון וועטער. ה' נ. האט א חוץ דעם מיט טאגאל אויסגעהיילט זיין פרוי פון פאלגען פון א שווערער גריפע און קאן זיך ממש נישט אנלויבען איבער די ווירקונג פון טאגאל. ענהליכע פרובען האבען א סך ליידענדע געמאכט, וועלכע האבען בענוצט מיט בעסטער ווירקונג טאגאל געגען רעוומאטיזם, גיכט, געלענקס, נערווען און קאפ-שמערצען און ערקעלטונגען. טאגאל לינדערט נישט נור שמערצען, איז אויך עוקר מן השורש אויף א נאטורליכען אופן די קראנקהייט, אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. ווען אנדערע מיטלען האבען פערפיהרט האט מען מיט טאגאל ערגייכט גלענצענדע רעזולטאטען. איבער 6000 דאקטוירים-אטעסטאטען! טויזענדער געפלאגטע האבען זייער געזונדהייט א דאנק טאגאל צוריק געווינען. פרובט אלזא נאך היינט אליין אויס, אבער פערלאנגט נור טאגאל. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

36) דער פאלשער ברודער.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 16-טען יאהר-הונדערט. די צייט פון דרייסיג-יעהריגען קריעג.

פריי פון העברעאישען דורך: י. געלזאהן.

(סוף).

א סעקונדע זענען זיי געבליבען שטעהן ווי געלעהמט פאר שרעק, אבער דניאל האט דער ערשטער זיך אנגערופען:

איך האב מורא, מיינע פריינד, אז ס'איז אן אומגליק געשעהן. קיין אנדערער ווי זימאן האט דא אהער נישט געקענט קומען און ווער ווייסט. אויב ער איז נישט אראבגעפאלען...

אבער וואס שטעהן מיר?—האט אויסגעשריגען מאקס—לאמיר צוגעהן אהין און זעהען וואס עס האט פאסירט.

אלע דריי האבען זיך געלאזט שנעל צוריק אראב פון באלקאן אויף די זעלבע שטיגען, וואס זיי זענען געקומען און פלוצים האט זיך דניאל אבגעשטעלט און א געשריי געטהאן:

זעהט, אט ליגט ער אונטען!

אלע האבען געשטאנדען זייערע בליקען אראב אין אבגרונד און א שוידערליך בילד האט זיך פאר זייערע אויגען בעוויזען. זימאן איז געלעגען אין א טיעפען גרוב, אינגאנצען צושמעטערט, מען האט קוים דערקענט, אז דאס איז א צורה פון א מענש.

מאקס האט וויינענדיג אויסגעשריגען:

אה, מיר זענען שולדיג אין זיין טויט. מיר האבען איהם דערפיהרט אהער, אבער וואס שטעהען מיר, לאמיר רופען צו הילף, מעגליך וועט זיך נאך איינגעבען איהם אבצוראטעווען.

דאס איז אומזאנסט—האט דניאל געזאגט—ער איז נישט בלויז טויט, נאר זיין גאנצער קערפער איז צושמעטערט עס וועט איהם שוין קיינער נישט לעבעדיג מאכען.

אה, שרעקליך, שרעקליך—האט מאקס געיאמערט—איך האב געוואלט זעהן נקמה אין איהם, אבער נישט אויף אזאלכער וועיזע, ער וואלט געקענט לעבען, אויסלעבען זיינע יאהרען.

אלעס איז פון גאט—האט דער אלטער דניאל ערנסט געזאגט—דער קנא ונוקם האט שוין מעהר נישט געקענט צוזעהן זיינע שרעקליכע מערדערישע מעשים, ביי מיר איז קיין צווייפעל נישט אז ער איז געקומען אהער, אז ער איז אונז נאכגעלאפען מיט דער אבזיכט אונז דא אומצוברענגען, און אט האט ער דעם טויט געפונען.

יא, אזוי איז דאס—האט צוגעגעבען יוסף—עס אונטערליגט נישט קיין צווייפעל אז ער האט געזוכט מיטלען אונז אבצורוימען פון וועג, און זעהענדיג אז מיר געפונען זיך אלע אויף אזא געפעהרליכען ארט וואו ער אליין איז גענוי בעקאנט מיט אלעם, איז ער אהן ספק געקומען מיט א פערטיגען פלאן אויף א וועלכען ס'איז אופן אזוי צו מאכען אז מיר זאלען אומקומען, און ווען נישט דאס וואס גאט האט זיינע געדאנקען געוואוסט און איהם אומגעבראכט, וואלטען מיר שוין איצט געוויס געלעגען אויפ'ן אבגרונד אזוי ווי ער ליגט, און ער וואלט זיך געפרעהט אויף אונזער טויט...

זיי זענען אוועק אין פאלאץ און אלארמירט אלע דינער, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען, און מיט גרויסע מיה איז זיי געלונגען צוצוקומען צום ארט וואו זימאן איז געלעגען א צושמעטערטער, עס האט פערנומען פיעל צייט ביז מען האט זיינע גלידער צונויפגענומען און אוועקגעטראגען אין פאלאץ, אלע זענען נאכגעגאנגען שטיל, און כמעט פון קיינעם האט זיך נישט געהערט קיין זיפץ נאך איהם.

דניאל האט געזאגט:

איך וועל שוין אוועקשיקען א שליח נאך דיין ליעבע מוטער, אז זי זאל קומען אהער, און זאל אנטיילנעמען אין דער לויה פון איהר שוואגער.

דערהערענדיג אז באלד וועט ער זעהן זיין מוטער, האט זיך מאקס בערוהיגט, און יוסף האט געזאגט:

דער טויטער וועט שוין נישט לעבעדיג ווערען, און איך האלט אז מיר מוזען ווייטער אויספיהרען אונזער ארבייט, מיר מוזען דערגעהן וואס עס זענען די שרעקליכע קולות וואס הערען זיך שטענדיג פון דער טיעפעניש אונטער'ן טורם.

יא, מיר מוזען דאס טהון, און שוין, – האט דניאל געזאגט – איצט קענען מיר געהן אהין דורך א גלייכען וועג, ווייל פון דעם קאבינעט וואס זימאן האט בעוואוינט געפונט זיך א גלייכער אונטערערדישער וועג וואס פיהרט אהין.

דניאל מיט נאך אייניגע פון די דינער האבען אנגעצינדען ליכט און זענען געגאנגען פאראויס, נאך זיי זענען געגאנגען מאקס און יוסף.

דאס איז געווען א שרעקליך פינסטערער וועג וועלכער האט געפיהרט צו א אייזערנער טהיר, ביי דער טהיר זענען זיי שטעהן געבליבען, דא האבען זיי שוין געהערט דייטליך דאס קרעכצען און זיפצען פון א מענש, אבער זיי האבען נישט געהאט דעם שליסעל.

אלע זענען געשטאנען פערצווייפעלט, אבער יוסף האט אויסגערופען: מיר מוזען די טהיר צוברעכען ווארום עס האנדעלט זיך אין א מענשליך לעבען, און יעדע סעקונדע איז טייער.

אלע אנוועזענדע האבען זיך גענומען מיט כח צו דער טהיר, און עס האט נישט לאנג געדויערט ביז די טהיר איז אויפגעבראכען געווארען, אלע זענען אריין אין א טיעפער הייל, מיט די ליכט אין די הענד, און פאר זייערע אויגען האט זיך בעוויזען א אויסערגעוועהנליך שוידערליך בילד:

אויף דער ערד אין א ווינקעל איז געלעגען אויף א ביסעל נאס פערפוילט שטרוי א בעשעפעניש, וואס האט נישט אויסגעזעהען ווי קיין מענש, בעוואקסען ווי א חיה, וואס קריכט אויף אלע פיס בלויז הויט און ביינער, דאס פנים שווארץ און פינסטער, די אויגען אויסגעלאשען, נישט מעהר ווי א בארג ביינער.

דערבארים זיך איבער מיר—האט דאס בעשעפעניש געבעטען שטיל, אז מען האט קוים דערהערט—האב רחמנות און הרג'ע מיך איינמאל, דו האסט מיך שוין גענוג געפייניגט, בעפריי מיך פון דעם שרעקליכען לעבען און איך וועל בעטען גאט, אז ער זאל דיך נישט שטראפען...

די אנוועזענדע האבען זיך געמערקט אז דאס מיינט דער אומגליקליכער, אז זימאן איז צו איהם געקומען, און זיי האבען אלץ פערשטאנען, און דניאל האט דאריבער צו איהם געזאגט:

מיר זענען געקומען דיך ארויסנעמען פון דאנען, דו וועסט נאך לעבען, אבער זאג אונז אומגליקליכער: ווער ביזטו?

מיין נאמען איז פעטער...

וואס? – האט מאקס אויסגערופען – דו ביזט פעטער, און דער מערדער האט דיך איינגעשפארט ווייל דו ביזט געוועזען דער איינציגער וואס האט געוואוסט דעם שרעקליכען סוד פון זיין מערדעריי.

מען האט איהם באלד בעפרייט פון די קייטען, און עטליכע מענשען האבען איהם אוועקגעטראגען אין פאלאץ, גראד ווען עס איז אנגעקומען די בארָנין, מאקס מוטער...

ענדע.

נאַאיוועקייט מיט אַ כונה.

עס איז דאָס ערשטע מאָל נאָך די מאַי-געשעהעענישען, ווי די פוילישע רעגירונג זאָגט זיך אַרויס וועגען דער לאַגע פון די יודען אין פוילען.

און דער ערשטער אַרויסטריט פאַר דער עפענטליכקייט פון די נאָך - מאַי-רעגירונגען איז געשעהן נישט דערפאַר ווייל די רעגירונג האָט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך אָפען אַרויסצוזאָגען וועגען דעם וואָס זי דענקט איבער דריי מיליאָן יודען אין פוילען, נאָר ווייל זי האָט נישט געקענט נישט געבען קיין תשובה די יט"א-פערטרעטער, וועלכע זענען ספּעציעל געקומען קיין פוילען ראשית, זיך אינפאָרמירען איבער דער לאַגע פון די יודען, וועלכע לעבען איבער אַ שווערע פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע ירידה, און שנית, ווייל די פערטרעטער פון די יט"א האָבען זיך געווענדעט צו די איינצעלנע מיניסטאָרען וועגען ערקלערונגען איבער דער לאַגע פון די יודען.

ווען מען לייענט די תשובות וועלכע די מיניסטאָרען האָבען געגעבען די רעדאַקטאָרען פון יט"א מוז מען זיך וואונדערען ווי די פעראַנטוואָרטליכע פיהרער פון דער מלוכה ווילען אַזוי נאַאיוו בעהאַנדלען דעם גאַנצען פּראָבלעם.

מיר געהערען נישט צו די, וועלכע זאָגען, אַז די רעגירונג אָריענטירט זיך נישט גענוג אין אונזער לאַגע, מיר זעהען אין דער נאַיוויטעט אַ ספּעציעלע כונה פון דער רעגירונג, זי מאַכט זיך נאַיוו, כדי אויסצומיידען ריכטיגע תשובות און פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם, וואָס עס קומט פאָר אין פוילען. מיר זאָגען גאַנץ אָפען אַז ווען די לאַגע פון די יודען איז אַזוי שלעכט, איז עס נישט נאָר אַ דאַנק דעם שווערען עקאָנאָמישען קריזיס, וועלכען מיר מאַכען דורך, נאָר אַ דאַנק דעם סיסטעם, וואָס די רעגירונג ווענדעט אָן אין די לעצטע יאָהרען לגבי אונז.

די יודען זענען אַ לייכטגלויביג פאָלק. ווען אין נאָמען פון היינטיגען רעזשים האָט דער געוועזענער פּרעמיער באַרטעל זיך אַרויסגעזאָגט געגען ווירטשאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם, איז ענטשטאַנען אַ געוואַלדיגע שמחה צווישען די יודען אין פוילען, ווייל דער העצערישער אַנטיסעמיטיזם פון פאַר די מאַי-רעגירונגען האָט אָבגעשוואַכט דעם אַרבייטס-ווילען פון די יודען אין פוילען, אָבער אַנשטאָט דעם אויפהעצענדען אַנטיסעמיטיזם האָבען מיר בעקומען אַ פאַרניכטענדען שטייער - שרויף, עטאַטיזם, אָבער אויך אַ באַדעניזם.

די פּראָגרעסיווע מאַי-רעגירונגען האָבען לגבי די יודען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, וועלכע דער אַמאָליגער אַנטיפיהרער פון דער פוילישער פּאָליטיק אין גאַליציען פלעגט אָנווענדען לגבי אונז, ד. ה. נישט צולאָזען, אַז די יודען זאָלען זיך פּראָדוקטיוויזירען, אַז עס זאָל אַריין אַביסעל ליכט אין דער יודישער גאַס, און אַז יודען זאָלען קענען קעמפען פאַר זייער רעכט אויף אַרבייט און עקזיסטענץ.

דאָס, וואָס באַדעני האָט לאַנגע יאָהרען פּראַקטיצירט לגבי אונז יודען האָט די רעגירונג אין אַ פערשטאַרקטער מאָס אָנגעווענדעט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יודישע פראַגען און פּראָבלעמען.

באַדעני האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז עס איז פערהאַן אַ ספּעציפישע יודישע נויט, וועלכע איז אַ פועל יוצא נישט פון דער נויט אין לאַנד, נאָר פון די אַלע פּרובען פון דער רעגירונג, די יודען צו קאָנצענטרירען און צוזאַמענציהען אין אַ פעראייניגטען ווירטשאַפטליכען געטאָ און האָט אויך געלייקענט, אַז מיר זענען אַ פאָלק, וועלכע האָבען בעזונדערע קולטורעלע פאָדערונגען און בעדערפנישען.

דאָס זעלבע האָבען אויך די פערטרעטער פון דער רעגירונג ערקלערט אין די געשפּרעכען מיט די לייטער פון דער יט"א-אַגענטור.

לייקענט מען די צוויי הויפּט-פראַגען פון בעזונדערער יודישער רעכט און נאַציאָנאַלער רעכט, קאָן מען זאָגען, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין יודען-פראַגע אין פוילען.

און ווען עס קומען פערטרעטער פון יודישען פאָלק אין פוילען און ווייזען אָן אויף די פאַקטען און עובדות פון יודיש-ווירטשאַפטליכען און נאַציאָנאַלען לעבען אין לאַנד, קומט די רעגירונג און טהוט דאָס, וואָס באַדעני האָט געטהון און פיהרט פאַר אַ פאַר יודען, וועלכע זי האָט אויסגעקליבען און וועלכע זענען מסכים צו די טעאָריעס, וואָס די רעגירונג האָט זיך געשאַפען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יודען.

מיר ווילען נישט רעדען וועגען דעם פסק און מפלה פון „באַדעניזם" מיר פרעגען נאָר די רעגירונג, צי מיינט זי ווירקליך, אַז די גאַנצע וועלט און ספּעציעל די יודישע עפענטליכע מיינונג אָריענטירט זיך נישט אין די אומגעשיקטע שאַך-צוגען, וועלכע די רעגירונג מאַכט לגבי אונז.

זאָל די רעגירונג נישט מיינען, אַז אַז ווען זי האָט ציוניזם אויף עקספּאָרט און „באַדעניזם" אַלס אויסדרוק פון דער יודישער אינערליכער פּאָליטיק וועט די יודישע עפענטליכע מיינונג נישט געהעריג רעאַגירען.

דער נויט-געשריי פון די יודען ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַ דאַנק דעם „באַדעניזם", אַזוי פיעל ערפאַהרונגען מוז אַ רעגירונג האָבען אַז אַ וואַקסענדע נויט איז דער ערגסטער בעל-יועץ אין דער שווערער לאַגע און ווען זי וועט פאָרטזעצען דעם „באַדעניזם" זאָל זי נישט מיינען, אַז די צעברעכונגס-פּאָליטיק וועט זיך איהר איינגעבען.

דעפּ. ד"ר פ. ראָטענשטרייך.

עטאַטיזם.

אין נומער 1 פון דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" פונ'ם 2-טען יאַנואַר ה. י. אינ'ם אַרטיקעל א. ק. „אַ נדבה אָדער אַ חוב" האָב איך בעהאַנדעלט די פראַגע, צי עס דאַרף געקעמפט ווערען פאַר דער איבערנעהמונג פון די יודישע אינסטיטוציעס דורכ'ן מאַגיסטראַט. דאָרט האָב איך אָנגעוויזען, אַז דער עטאַטיזם אין אונזער פאַל, דאָס איבערנעהמען די אינסטיטוציעס דורכ'ן מאַגיסטראַט איז אַ גרויסע סכנה פאַר'ן קיום פון דער אינסטיטוציע אַלס יודישע, ווייל—ווי די ערפאַהרונג האָט אונז געלערנט — פערוואַנדלען דערנאָך די שטאָדט-פערוואַלטונגען די יודישע אינסטיטוציעס אין אַלגעמיין - שטאָדטישע (לעז: נישט-יודישע) אויף וועלכע די יודישע בעפעלקערונג האָט קיין שום איינפלוס נישט. די סכנה איז גרויס אַפילו אין די ערטער וואו יודען שפּיעלען היינט צו טאָג אַ גרויסע ראָלע אין די שטאָדט-ראַטען, אָדער וואו די מאַגיסטראַטען זענען ליבעראַלע, דען די פּאָליטישע קאָניונקטור קען זיך ענדערן און די שטאָדט-פערוואַלטונג קאָן איבערגעהן צו אַנטיסעמיטען...

אינ'ם זעלבען אַרטיקעל האָב איך אויך אָנגעוויזען, אַז יודען קאָנען נישט —אָדער כמעט נישט—געניסען פון די שטאָדטישע קולטורעלע און סאָציאַלע אַנשטאַלטען און דאָס האָט געצווינגען די יודישע פילאַנטראָפען פאַר דער מלחמה און דעם „דזשאָינט" אין דער מלחמה און נאָך מלחמה-צייט אויפצובויען ספּעציעלע אַנשטאַלטען פון וועלכע אַ טייל האָבען אויך געדיענט נישט יודען, אָבער זיי זענען געבויט געוואָרען לטובת דער יודישער בעפעלקערונג.

אין אונזער שטאָדט האָבען מיר מוסטער-אינסטיטוציעס, ווי: שפּיטאָל, יתומים און זקנים-הויז, האַנדווערקער-שול, גערטנער-פערמע, „טאָז", „מחזיקי הדת", אַרבייטער-שול און „הכנסה אורחים".

די געגען - אַקציע געגען אָבהאַלטען די מאַגיסטראַט-אונטערשטיצונגען פאַר די יודישע אינסטיטוציעס האָט געהאַט אַ טיילווייזען ערפאָלג, מען נעגירט שוין נישט אַזוי ווייט די יודישע געברויכען, נאָר... מען האַלט אַז זיי עקזיסטירען נישט בכלל...

אינ'ם נייעם בודזשעט ווערט פאָרגעזעהען אַ גרעסערע סומע (איבער 24000 זל.) אויף אויסצוהאַלטען דאָס יתומים-הויז איבער 17000 זל., אויפ'ן זקנים-הויז איבער 16000 זל. אויף אויסצוהאַלטען דאָס קינדערהיים אויף פּזשעמיסלאָווא.

ביי די דאָזיגע סומעס געפונט זיך שוין נישט דאָס פערשאָלטענע וואָרט „סובסידיע", נאָר „אויסהאַלטען", ביים קינדערהיים איז אַפילו די סומע צוקלאַפּט אויף סוב-פּאָזיציעס, אין וועלכע ס'ווערט אָנגעוויזען בפרוטרוט אויף וואָס דאָס געלד איז בעשטימט.

דאָס זענען אויך די איינציגע יודישע פּאָזיציעס, דאָס בעפרידיגען אין אַ געוויסער מאָס (איך זאָג אין אַ געוויסער מאָס. ווייל עס ווערט נאָר פאָרגעזעהען אויסהאַלט פאַר 44 אַנשטאָט 67 יתומים און פאַר'ן קינדערהיים איז בעשטימט 1600 זל. פון דער אַלגעמיינער 110.000 ד"ה יודען בעקומען נאָר 13 פּראָצענט אַנשטאָט 25 פּראָצ.), אייף אַלע אַנדערע געביעטען זענען יודען שטאַרק בע'עוול'ט געוואָרען.

עס איז דאָביי אינטערעסאַנט די שטעלונג פונ'ם ה' קאָמיסאַר צו דעם גאַנצען ענין. דער קאָמיסאַר אָנערקענט אין פּרינציפּ, אַז יודען האָבען דאָס רעכט צו געניסען 25 פּראָצענט פון די שטאָדטישע הוצאות, דאַריבער האָט ער איבערגענומען די הוצאות פונ'ם יתומים און זקנים-הויז און פאַרשול-בילדונג, דאַגעגען לגבי די אַנדערע געברויכען—האַלט ער—דאַרפען יודען געניסען פון די אַלגעמיין-שטאָדטישע. מען דאַרף נישט קיין ספּעציעלע יודישע שולען ווי: „מחזיקי הדת" און אַרבייטער-שול, ספּעציעלע טערמינאַטאָרען-קורסען פאַר יודען אד"ג, און ס'איז אויך נישט נויטיג קיין ספּעציעלע היגיעניש-מעדיצינישע הייל-אַנשטאַלטען פאַר יודען, ווייל זיי קענען געניסען פון די אַלגעמיינע שטאָדטישע... וואַכט די שטאָדטישע קאַסע געהאַט געלד וואָלט ער, דער ה' קאָמיסאַר, איבערגענומען אויך אַנדערע מוסטערהאַפטע איינגעאָרדנעטע יודישע אינסטיטוציעס, נאָר אַזוי ווי קיין געלד איז נישטאָ קענען יודען געניסען פון די אַלגעמיין-שטאָדטישע...

דער ה' קאָמיסאַר האָט אַלזאָ מיט אַ „פּלפּול" ערלעדיגט די גאַנצע יודען-פראַגע, זי עקזיסטירט בכלל נישט און פערטיג.

טענה'ט מען דאָך אָבער: היתכן? אין די שטאָדטישע פּאָווסעכנע שולע? לערנען איבער 12000 קינדער צווישען וועלכע עס געפונען זיך נאָר אַנ'ערך 1800 יודישע, צו דער אָנגענומענער 25 פּראָצענטיגער פעהלט אַלזאָ 1200, וועלכע לערנען אין פּריוואַטע און געזעלשאַפטליכע לעהר-אַנשטאַלטען און דאָס אויב דער מאַגיסטראַט וועט דערפיהרען צום שליסען די „מחזיקי הדת" אָדער אַרבייטער-שול וועלען דאָך די עלטערן פאָדערען אַנ'אָרט אין די שטאָדטישע שולען (אָבגערעדט דערפון דאָס צוליעב רעליגיעזע אָדער אַנדערע ערציהערישע סבות וועלען די עלטערן זייערע קינדער נישט וועלען אַהינשיקען) אין הסכם מיט'ן געזעץ וועגען צוואַנגס-שול וואָס—פערשטעהט זוך—וואָלט דעם מאַגיסטראַט פיעל טייערער געקאָסט. דאָס זעלבע איז דאָך אויך מיט דער האַנדווערקער-שול און מיט'ן „טאָז", דאַן שטעלט אייך פאָר: דער „טאָז" וועט זיך שליסען, וועט דער מאַגיסטראַט מוזען בעזאָרגען די אָרימע מיט מעדיצינישע הילף, וואָס וועט איהם פיעל מעהר אויסמאַכען ווי די העכסטע סובווענץ.

אויף די אַלע טענות ענטפערט דער ה' קאָמיסאַר מיט איין וואָרט: טרודנאָ, ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה.

שווערער אַביסעל קומט אויס אָבצוענטפערען אויף די אַנדערע פראַגע: ווי ווערען יודען בעהאַנדעלט דאָרט, אין די אַלגעמיינע שטאָדטישע אַנשטאַלטען: ווי וואָלט אויסגעזעהען דאָס צוזאַמענלעבען פון די יודישע מיט די פּוילישע טערמינאַטאָרען? מיר, יודען, האָבען אַ רעכט צו שטעלען די פראַגע, ווייל מיר האָבען זי דערשפּירט אויף אונזערע פלייצעס אַדורכגעהענהיג די קאַשטשושקי גאַס אין די אָוונד-שעה'ן נאָך די לעקציעס פון דעם טערמינאַטאָרען-קורס.

איבריגענ'ס—גלויב איך—וואָלט איהם —דעם ה' קאָמיסאַר—ה' ד"ר מיקולסקי געקענט איבערגעבען אַביסעל פּרטים פון זייער פּריוואַטער און געזעלשאַפטליכער פּראַקטיק, ד"ה אין וויפיעל פאַלען ער האָט ערטיילט הילף יודען קרבנות פון דעם אַרט „צוזאַמענלעבען" און אפשר וועט געניגען דער לעצטער פאַל אינ'ם מאַגיסטראַט גופא, וואו מען האָט צושלאָגען יודישע אַרבייטסלאָזע, וואָס זענען געשטאַנען אין דער רייהע נאָך שטיצע, אין דער געגענוואָרט פון פּאָליציאַנט ?

און ווי אַזוי שטעלט ער זיך עס פאַר די הילף פאַר יודען אין די שטאָדטישע

וואָס געהערט וואָס געזעהן.

ויהי ביום השמיני.

און אַז עס איז געקומען דער 8-טער טאָג יום-טוב אויפדערנאַכט, האָט מען זיך אוועקגעזעצט מאַכען אַ שטיקעל חשבון-הנפש פון פערגאַנגענעם יום-טוב, ווי אַזוי האָבען מיר אַדורכגעלעבט און ווי אַזוי האָבען מיר איבערהויפּט אויסגעזעהען.

און דער סך-הכל איז אַ גענוג טרויריגער.

טויזענדער סוחרים האָבען געלייגט זייערע גאַנצע האָפענונגען אויף דעם פאַר פּסח'דיגען לייזונג, זיי האָבען אויסגעשטעלט וועקסלען אויף די יום-טוב טעג, ווארום די סוחרים האָבען זיך געטראַכט, לאמור, אַזוי צו זאָגען: אויב מען האָט אַ גאַנצען ווינטער נישט געלייזט האָט מען עס צו פערדאַנקען דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון לאַנד און נאָך מעהר די מהומה „ביליג" וואָס מען האָט פּראָקלאַמירט אין פוילען, כאָטש ביליג איז נאָר געוועזען איין פּראָדוקט, דאָס לעבען, ווייטער איז אַלץ ביליג נאָר ביז מען געהט קויפען... אָבער פאַר יום-טוב וועט מען דאָך פאָרט לייזען, מען מוז דאָך עפּיס קויפען, באָרוועס קאָן מען דאָך נישט געהן.

די דאָזיגע האָפנונג איז אָבער צורינען געוואָרען, די סחורות זענען געבליבען אויף די פּאָליצעס, די וועקסלען וועט מען (אל תפתח פה לשטן) נישט צאָהלען, דערפאַר אָבער וועט דער סקאַרב האָבען וואָס צו פערנעמען אויף די עגלה פאַר שטייערן.

נאָך אַ גרעסערן חורבן האָבען געהאַט די יודישע סוחרים וואָס האָבען געמוזט גאַנצע דריי טעג פאַר די קריסטליכע חגאות פערמאַכען זייערע געשעפטען און אויב זיי וואָלטען אפשר יאָ געקאָנט עפּיס לייזען, איז געקומען דער האַרטער געזעץ פון דער יודישער רעליגיע און געהייסען פערהעמערען זייערע קראָמען אין די טעג פון יום-טוב פון חרות, פריי זאָלסטו זיין...

כאָטש עס האָבען זיך נעטראָפען יודען וואָס האָבען זייערע געשעפטען יאָ אָפען געהאַלטען די דריי טעג יום-טוב, נאָר מקנא זיין מיט זייער לייזונג דאַרף מען אויך נישט.

עס איז געווען אַ קליינע פרעקווענץ, אין די טעג פון היירינען יום-טוב, וואָס דאַרפט איהר מעהר, אַפילו אין קרעמסקי'ס לאַזשניע איז געווען זעהר שיטערליך ערב פּסח, דאָס זעלבע אין יודישען טעאַטער.

מיט די כלים כשר'ן איז אויך היייאָהר געווען נישט אינגאַנצען אין אָרדנונג, ד"ה נישט חס ושלום אַז יודען זענען נישט געקומען דערמאָנען אַז מען דאַרף אויף יום-טוב כשר'ן, אדרבה מען האָט געטראָגען די „כשר" קעסלען אין אַלע הויפען, זעלטען ווען עס איז געווען איינגעשפּאַנט אַ פערדיל, וואָס האָט געשלעפּט דעם כשר-קעסעל, אַמעהרסטען האָבען צוויי שותפים געשלעפּט דעם קעסעל אויף זייערע פלייצעס און געשריגען: כשר'ן, כלים כשר'ן, נאָר איך בין אייך מבטיח, אַז אויף קיין כשר'ן יום-טוב האָבען זיי פון דעם כשר'ן נישט פערדינט.

זעהט איהר, די צוקער-בעקער, כ'מיין די צעכאָווע, האָבען היי-יאָהר יאָ אויסגעפיהרט, זיי האָבען נישט צוגעלאָזט אַז די סעזאָנאָווע צוקער-בעקער זאָלען באַקען די יום-טוב'דיגע צוקער מאכלים און נישט קוקענדיג אויף אַלע השתדלות'ן האָבען זיי אין דער לעצטער מינוט, ווען די אויבענס זענען געווען אויסגעהייצט און זיי די עטליכע הזקה בעקערס, האָבען געטראַכט, אַז אָט וועלען זיי פון דעם באַקען פערדינען אויף יום טוב, האָט מען זיי געשטערט און נאָך עטליכע יודען זענען געבליבען אָהן פּרנסה אויף יום-טוב.

איך ווייס נישט צי דער פאַרשטעהער פון צעך האָט פון ריין מאָראַלישען שטאַנדפּונקט ריכטיג געהאַנדעלט, אָרער איך וויל נאָר איבערגעבען דעם פאַקט אַלס אַזעלכען.

מיט איין וואָרט, אומעטום וואו מען האָט געדאַרפט אויסגעבען געלד, איז געווען אַ קליינע פרעקווענץ.

דערפאַר איז אָבער געווען אַ גרויסער געדראַנג דאָרט וואו מען האָט געדאַרפט בעקומען געלד, אָבער דאָרט וואו מען האָט נישט געדאַרפט אינגאַנצען קיין געלד.

אין דער שטאָדט-שוהל איז געווען איבערגעפּאַקט פון מתפללים אין די 8 טעג פון יום-טוב, און נאָך אַ גרעסער געדראַנג איז געווען אין דער קהלה ביים נעמען – קמחא.

עס שטעהט מיר נאָך פאַר די אויגען דאָס קהלה פענסטעריל, ביי וועלכע עס זענען פון איין זייט געשטאַנען צענדליגער אָרימע לייט מיט אויסגעדאַרטע פנים'ער און אויסגעשטרעקטע הענד נאָך אַ פאַר זלאָטעס און ווען מען זאָגט זיי אָב אָבער ווען עס געשיהט אַ „טעות" און מען דערצעהלט זיי, אַז מען האָט שוין פאַר זיי אָבגענומען די פאַר זלאָטעס צולייגט זיך אַ גרימאַסע אויף זייער בלאַס געזיכט און מיט אַנגסטען שווערט ער, אַז עס האָט קיינער פון זיי נאָך נישט גענומען...

פון צווייטען זייט פענסטעריל זיצט דער קהלה-בעאַמטער מיט'ן ספר הזכרונות און ער קאָנטראָלירט יעדען צי דער פּעטענט געניסט נאָר נישט חס ושלום פון בית לחם און טאָמער יאָ, האָט ער נישט דאָס רעכט צו בעקומען די פאַר גראָשען קמחא, ווייל ער בעקומט פון בית-לחם.

ויהי ביום השמיני.

די דאָזיגע אַכט טעג פון יום טוב איז געווען אַ ויהי, אַ צרה פאַר טויזענדער פון אחינו בני ישראל, וועלכע האָבען געהאַט אַ פערשטערטען יום-טוב, סיי די סוחרים מיט זייער אָבגענאַרטע האָפנונגען און סיי די אָרימע לייט מיט זייערע צרות, דחקות און נויט.

די בעלי מלאכות האָבען געהאַט אַ פערזאַמלונג האָט מען דאָרט געהערט קרעכצען און אָכצען, מען האָט זיך אַרומגעדרעהט פאַר יום טוב אַרבייטסלאָז.

אַפילו די נאַטור האָט נישט געשענקט אַביסעל וואַרימקייט נאָר עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער ווינד און די ערשטע טעג פּסח איז געווען אַ פראָסט און מיר האָבען געהאַט יום טוב'דיגען אייז, כשר לפסח אַפילו למהדרין מן המהדרין.

ויהי ביום השמיני.

די אַכט טאָג יום טוב זענען געווען כשר'ע, עכט כשר, אַפילו חול המועד האָבען מיר געפייערט כדת וכדין, דערפאַר אָבער איז עס געווען אַ שווערער און אַ פיינליכער יום טוב, נישט היימליכע 8 טעג.

ביי דער געלעגענהייט זאָל מען אויך דערמאָנען, אַז אין יודישען שפּיטאָל איז פאָרגעקומען אַ סדר פאַר די יודישע חולאים וואו אויך די קריסטליכע חולאים האָבען אָבגעלעקט אַביינדיל און אויך אַ זעלנער קוך איז איינגעאָרדענט געוואָרען, נאָר אומעטום האָט געפעהלט די אַמאָליגע רחבות, דאָס אמת'דיגע מלכות'דיגע פון — אַמאָל.

עס איז געווען ויהי ביום השמיני...

וועלכע זענען די אמת'ע „ווילנער"?

מיט די ווילנער טרופּעס איז ווירקליך צו לאַכען.

מיט 15 יאָהר צוריק האָט זיך געגרינדעט די אַזוי - גערופענע „ווילנער טרופּע" מיט אזרא, קאָוואַלסקי, שניאור, נאַכבוש און אַנדערע אין דער שפּיץ.

גרויסע האָפנונגען האָט מען געלייגט אויף דער ווילנער טרופּע, וועלכע האָט צוגעזאָגט אַריינצוברענגען אין דער יודישער קולטור און קונסט אַ נייע בלעטיל.

די ווילנער טרופּע האָט אָבער נישט לאַנג געהאַלטען זיך צוזאַמען. עס האָבען אָנגעהויבען זיך צו גרינדען טרופּעס און טרופּעלעך, קלענערע און גרעסערע און צום היינטיגען טאָג האָבען מיר אפשר אַ צעהנדלינג ווילנער טרופּעס, וואָס זענען צוזייהט און צושפּרייט איבער שבעה ימים.

עס זענען אַפילו פערהאַנען אַזעלכע „ווילנער", וואָס האָבען ווילנאָ פאַר זייערע אויגען נישט געזעהען. נאָר טאָמער געפונט זיך אין דער טרופּע איין אַרטיסט, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט מיט

מעדיצינישע אנשטאלטען?

א קליינעם אמבולאטאריום פערמאגט די שטאדט אויף דאמבראווסקא גאס און א קינדער - סטאציע אויף... אסטאטני גראש...

איז עס מעגליך פאר אנ'איינוואוינער פון דער געגענד גארנצארסקא-נאדזשע-טשנע, וואו ס'קאנצענטרירט זוך די יודישע נויט צו געניסען פון די צוויי אנשטאלטען, וועלכע געפונען זיך זעהר ווייט פון זייער וואוין-ארט?

צוריקקומענדיג צום יתומים און זקנים הויז און די קינדערהיים מיין איך, דאס די פערוואלטונג פונ'ם דאבראטשינגאשטש דארף פאדערען א שריפטליכען אבמאך מיט'ן מאגיסטראט, אין וועלכען די רעכט פון מאגיסטראט ווערען בעגרע-ניצט בלויז אויף צו קאנטראלירען די אויסגאבען אין זייער צוועקמעסיגקייט. דאגעגען האט נישט דער מאגיסטראט דאס רעכט ארויסצוזאגען וועגען דער ערציהערישער זייט פונ'ם אנשטאלט. די פערוואלטונגען דארפען זוך אומבעדינג איבערלאזען דאס רעכט צו אנגאזשירען א פערסאנאל אהן דער איינגארענץ-רעכט פונ'ם מאגיסטראט, אהן די בעווארעני-שען וועט די יעצטיגע שטאדט-פער-וואלטונג אדער די קומענדע קענען פערוואנדלען די אנשטאלטען אין נישט-יודישע, אדער וועלען געבען יעדענ-פאלס זייער ריכטונג...

וועגען עטאטיזם אויף דעם געביעט האב איך שוין ברייטער זיך ארויסגע-זאגט אינ'ם ארטיקעל „א נדבה אדער א חוב".

איך צווייפעל איבערהויפט אין דער צוועקמעסיגקייט פון דער שיטה אפילו פונ'ם אלגעמיין-געזעלשאפטליכען שטאנד-פונקט. דער סיסטעם פון אונטערשטיצען פריוואטע געזעלשאפטען האט די מעלה דאס עס ווערט איבערגעלאזט די אי-ניציאטיוו יחידים וואס בויען אפט איש מאין און וועלכע — די איניציאטיוו מיין איך — ווערט ביי דער עטאטיזם-פאליטיק אבגעטויט.

איך גלויב דאס מהאי טעמא האט דער ווארשאווער מאגיסטראט וואו ס'רוב אינסטיטוציעס ווערען שוין פון לאנג אויסגעהאלטען און געפיהרט דורך דער שטאדט, בעשלאסען איבערצוגעבען פרי-וואטע געזעלשאפטען...

ווי ס'זאל אבער נישט זיין עטא-טיזם אדער נישט, קענען מיר נישט אנערקענען פאר ריכטיג דעם שטאנד-פונקט פונ'ם ה' קאמיסאר: אויב די שטאדט וועט האבען גענוג געלד וועט זי די יודישע אינסטיטוציעס איבערנע-מען און ביז דאמאלס מוזען זיי זיך אויסהאלטען אויפ'ן חשבון פונ'ם יודי-שען שטייער-צאהלער...

מיר האלטען דאס די שטאדט - פער-

רוזשא גערמאן-שומאכער.

צוויי נשמות...

... ביליג עפעל, ביליג! — שרייט ביילע אויפ'ן מארק מיט א הייזעריגער שטימע; איהר פנים דריקט אויס א מורא'דיגען וועהטאג, פיין און ליידען; זי שרייט אונאויפהערליך, רייבענדיג אויטאמאטיש איהרע ביינינע הענד און צוטופענדיג מינוטענווייז מיט איהרע גע-פרוירענע פיס.

בייזע און קנאה'פולע בליקען ווארפט זי אויף איהרע קאנקורענטינס, וועלכע האבען א גרעסערע הצלחה פון איהר און איהרע אויגען קוקען ארום, ווע-לענדיג צוציהען וואס מעהר קונים.

די פראסט שטארקט זיך וואס אמאל מעהר, און אינאיינעם מיט'ן סקריפען פונ'ם שניי און די גלעקלעך פון די שליטענס ציטערען אין דער לופט טרויריגע, אומעטיגע רופען פון די יו-דישע פערקויפערינס.

ביילע קוקט פערדאגה'ט אויף די פערפרוירענע עפעל — די איין - און-איינציגע קוועלע פון איהר פרנסה און שאקעלט קלאמוטנע צו מיט'ן קאפ. דערזעהענדיג ווי עס דערנעהנטערען זיך צו איהר קונים, ווערט זי מוטיגער און פרעהליכער און לויפט צו מיט א זיסען שמייכעל אויף די ליפען, ארויס-ווייזענדיג אזוי-ארום אין יעדער בעווע-גונג און העויה א דאנק דעם צופעלי-גען „ברויטגעבער".

„ביליג עפעל, ביליג..." הילכען אין דער לופט מאנאטאן ביילע'ס אויסרו-פען, וועלכע האט ביים מאנ'ס לעבען קיינמאל פון קיין נויט נישט געוואוסט — און איהרע קולות פערשוואונדען אין פראסטיגען חלל, ווי זיי וואלטען בע-קלאגט איהר ביטערען גורל.

דער אזוונד דערנעהנטערט זיך און די פערקויפערינס פערלאזען זייערע פאזיציעס. נור איין ביילע, וועלכע האט זעהר א קליינעם פדיון, האט נאך נישט קיין חשק צו פערלאזען איהר ארט. זי האט שוין אבער אויפגעהערט אויסצורופען און זיך פערטיפט אין זיסע, אנגענעהמע מחשבות. א אונ-געהויערע שמחה האט אויפגעפלאמט אין איהרע פערלאשענע אויגען, וואס פערשנעלערט דעם לויף פונ'ם בלוט אין איהרע אדערן.

דער נעכטיגער בריעף, וועלכען זי האט דערהאלטען פון ארץ-ישראל פון איהר איינציגען זוהן, האט אויפגעבליצט פאר איהרע אויגען. א טיעפער זיפץ צופראלט און רייסט אויף איהר מוטער-ליך הארץ. איהר גאנצע פערגאנגענ-הייט טויכט אויף פאר איהרע אויגען און איין ליכט-שטראהל בעלייכט די גרויע ווירקליכקייט; איהר גאנץ וועזען שטראהלט פון שמחה, און ס'איז איהר אזוי ניחא, אזוי זיס...

עס דערוועקט זיך אין איהר א גאוה-געפיהל, אז איהר זוהן געפונט זיך אין די רייהען פון די יודישע פרייהייטס-גבורים, אויף וועלכע עס איז שטאלץ דאס גאנצע יודישע פאלק. אט מאלט זיך אין איהר פאנטאזיע, ווי איהר זוהן קעהרט צוריק פון די פעלדער פון „יהודה" מיט א גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען און זיין אבגעברענט פנים און שווייספולער שטערן שטראהלט פון גליק און צופרידענהייט.

זיסער טאטעניו אין הימעל! צי וועט זי איהם נאך אמאל זעהען?... א, ווען עס וואלטען איהר בדרך - נס אויסגע-וואקסען פליגלען! איהר גאנץ לעבען וואלט זי אוועקגעגעבען, ווען זי וואלט געקענט איין בליק נאך ווארפען אויף איהר זוהן, אויף דעם; וואס האט זוכה געווען צו בויען דאס יודישע לאנד.

און אין דעם זעלביגען מאמענט, ווי עפיס א צויבער-האנד וואלט צונויפגע-קלאמערט די צוויי הערצער, אין וועל-כע עס האבען זיך געוועבט די זעלבע געדאנקען... אויף דער פעלזיגער ערד פון ארץ-ישראל האט זיך די ארבייט געענדיגט. נתן האט אויסגעגלייכט זיינע מידע פלייצעס; און זיינע פער'חלומ'טע אויגען קוקען צו די העלע הימלען פון פאטערלאנד, צו די זעלבע הימלען, אויף וועלכע גאט האט געהייסען אברהמ'ן צעהלען די שטערען. א פרי-שער, דערקוויקענדער ווינד בלאזט פונ'ם ים, אין וועלכען עס שפיגלען זיך אב די שעהנע ארץ-ישראל-הימלען...

די ברידער-חלוצים צושמעטערען די שטיינער און פעלזען, און נתנ'ס הארץ צושמעטערט א טיעפער, שווערער קרעכץ, וועלכער דערהויבט זיך צו די פערנעבעלטע הימלען פונ'ם צפון, אונ-טער וועלכע עס געפונט זיך דאס טייערסטע וועזען פאר איהם אין דער וועלט.

— „מאמעניו, מיין ארימע מא-מע!"... שעפטשען שטיל זיינע פער-ברענטע פון דער זון ליפען — וואס [redacted] וואלטונג טאר נישט קוקען גלייכגילטיג אויף דעם אונטערגאנג פון די יודישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וואס האבען נאך נישט די „זכיה" געהאט ארונטער-געגומען צו ווערען אונטער די פליגלען פונ'ם שטאדטישען בודזשעט...

י. ר.

א בריעף פון ברעסלוי.

פון אונזער קארעספאנדענט פ. שמולעוויטש.

„היט מיך אב גאט פון מיינע פיינד, פון מיינע פריינד וועל איך זיך אליין אבהיטען", דאס דאזיגע שפריכווארט דערמאנען מיר אסט-יודען זיך שטענדיג, ווייל מיר האבען דא אהן אויפהער צו קעמפען מיט די אינערליכע און מיט די אויסערליכע שונאים.

וועגען די אויסערליכע שונאים ווייסט איהר גענוג צו זאגען, דאס זענען די היטלער-לייט און זייערע גענאסען וואס הערען נישט אויף אונז צו רודפ'ן, לעצ-טענס האבען זיי ארויסגעלאזט א אויפ-רוף מיט פאלגענדען אינהאלט:

„קען עמיצער בעהויפטען אז יודען זענען נישט קיין מענשען? ווער קען דען בעהויפטען אז א פלוי איז נישט קיין טהיר? עס איז א אונאנגענעהם טהיר, און אזוי איז אויך דער יוד, פאר א פלוי בעשיצט מען זיך, און מען היט זיך ווייל זי בייסט, פייניגט, און צאפט אויס דאס בלוט פון מענשען, אזוי איז אויך דער יוד, ער זויגט אויס אונזער לעצט ביסעל בלוט".

דער צענטראל פעראיין פון די דיי-טשע יודען וועלכער האט אויף זיך גע-נומען די אויפגאבע צו קעמפען געגען אנטיסעמיטיזם, האט דעם מחבר פון דעם דאזיגען פלוגבלאט אנגעקלאגט אין געריכט.

ביי דער ערשטער געריכטס-פערהאנ-דלונג האבען די אנגעקלאגטע פער-לאנגט אבצושאפען דעם ריכטער, ווייל ער שטאמט פון יודען (כאטש ווי עס איז פעסטגעשטעלט, פון דריטען דור) און זיי האבען דאס אויסגעפיהרט, און דאס געריכט איז בעשטימט געווארען אויף א צווייטען טערמין.

ביי דער צווייטער געריכטס - פער-האנדלונג שוין אונטער'ן פארזיץ פון א דורות כשר'ן דייטש, איז דער אנגע-קלאגטער בעשטראפט געווארען מיט 300 מארק געלד-שטראף, אבער אויף דעם אורטייל האט ער געמאכט א אפע-לאציע.

דאס אפעלאציאנס-געריכט האט ארויס-געפונען א גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען די יודישע שיכטען, מען איז געווען טשיקאווע צו וויסען וואסערע מיטעל דער אנגעקלאגטער וועט געפו-נען זיך ארויסצודרעהען פון דער שטראף און אט איז ער געפאלען אויף א ארי-גינעלער המצאה, ער האט בעהויפטעט אז מיט זיין שמוק - בלעטעל האט ער [redacted] טהוסטו אין דער יעצטיגער מינוט?... צי ווער איך דיך נאך אמאל זע-הען? ! — — — —

נישט געוואלט בעליידיגען די דייטשע יודען נאר די אסט-יודען.

דעם דאזיגען אריגינעלען קאמענטאר האט דאס געריכט אנגענומען פאר א גענוגענדען תירוץ, און דער אנגע-קלאגטער איז בעפרייט געווארען פון יעדער שטראף.

עס איז גענוג טרויריג וואס דאס געריכט האט אויף אזאלכען מאטיוו בעפרייט דעם שענדליכען פאמפלעט שרייבער, אבער נאך טרויריגער איז דאס וואס דער צענטראל פעראיין פון די דייטשע יודען וועלכער איז געווען דער אנקלאגער האט זיך אויך מיט דעם דאזיגען שמוציגען ענטפער בעפרי-דיגט, ווייל זייער כבוד איז כלומרש'ט געראטעוועט געווארען, זיי ווילען נישט פערשטעהן אז דער אנטיסעמיטיזם איז נישט נאר געגען אונז אסט-יודען נאר אויך געגען זיי, די דייטשע יודען, און בלויז זיך ריין צו וואשען האט דער מנוול דאס אזוי ערקלערט, און פאר'ן כבוד פון די אסט-יודען פאסט זיי דאך נישט זיך אנצונעמען, עס איז אונטער זייער כבוד, און באמת האבען זיי אליין אויך דעם אסט-יוד נישט אזוי ליעב.

אט דאס דערמאנט די מעשה וואס מען דערצעהלט וועגען א דארפס - יוד וואס איז געקומען אויף די ימים-נוראים אין שטאדט אריין, און צום דאווענען אין שוהל האט ער זיך מיטגענומען א פשוט'ן אלף-בית אנשטאט א מחזור, און דעם גאנצען טאג האט ער געזאגט כסדר, פון א. ב. ווען די יודען פון שוהל האבען איהם געפרעגט: היתכן? וואס זאגט איהר? נישט די תפלות פון מחזור נאר פון אלף-בית? האט ער גע-ענטפערט גאנץ פשוט: דאס גאנצע מחזור מיט אלע תפלות איז דאך נאר צוזאמענגעשטעלט פון א"ב, הייסט צו וואס דארף איך מיר ערשט דעם קאפ צוברעכען און זאגען גאנצע ווערטער, וואס עס קומט מיר אן זעהר שווער, זאג איך בעסער דעם א"ב און גאט וועט שוין וויסען ווי אזוי ער זאל די ווערטער אין די תפלות צוזאמענשטע-לען...

אט איז וועגען דעם אויסערליכען שונא, אבער דער אינערליכער שונא פון די אסט-יודען איז פאר אונז נאך שרעקליכער און געפעהרליכער.

איך וויל דאס איבערגעבען דעם עפילאג פון דער מעשה מיט ר' ישכר טעמער (פון טשענסטאכאוו) וועלכען מיר אסט-יודען האבען געוואלט מאכען פאר א דיין אין ברעסלוי.

(סוף קומט).

ארטיסטען פון דער ווילנער טרופע און שפעטער האט ער אליין געגרינדעט א טרופע, האט מען איהר אויך א נאמען געגעבען „ווילנער".

היינט צו טאג איז אוודאי נישט פער-האנען קיין ארטיסט אין פוילען, וואס זאל זיין פון די ערשטע ווילנער.

אויב עס איז יא געבליבען איינער איז עס דער דירעקטאר פון דער וויל-נער טרופע ה' מזאה. אט דער ה' די-רעקטאר האט די חזקה פון דער וויל-נער טרופע ביי זיך אין קעשענע און דערלאזט נישט קיינעם זיך צו רופען מיט'ן נאמען „ווילנער טרופע".

איך דערצעהל דאס אקעגען דעם, וואס ביי אונז אין שטאדט האט גע-ווײלט די ערשטע טעג יום-טוב א וויל-נער טרופע.

די יונגעלייט קאן איך, איך געדענק זיי, ווי למשל, מאנסדארף, ליכט, הירש-פעלד, רות טארו, קורלענדער, וויינ-שטאק און אנדערע, וועלכע האבען גע-שפיעלט איבער 4 יאהר אין דער וויל-נער טרופע אונטער דער דירעקציע פון דעם אמת'ען ווילנער מזאה, זיי האבען אויסגעטראגען אויף זייערע פלייצעס די נייע ווילנער, וועלכע האבען נאכטהו-ענדיג דעם ביישפיעל פון די אמת'ע ווילנער געגעבען דעם שענסטען ליטע-ראַרישען רעפערטואר אויף דער יודישער ביהנע.

אט די דאזיגע יונגעלייט אמת'ע אי-דעאליסטען, וועלכע האבען יאהרען לאנג ביי דעם ווילנער מזאה געהונ-גערט און נישט פערלאזט דאס שלאכט-פעלד, אבער הארט פאר פסח האט דער דירעקטאר מזאה אנגאזשירט לידיא פא-טאצקא אין זיין טרופע און מיט די איבריגע „ווילנער" וויסליך און נאטאן (אויך א ווילנער?) זיך געלאזט אויף

גאסטראלען קיין ווילנא און די אויבען אויסגערעכענטע יונגעלייט זענען גע-בליבען אהן א קנעלונג, האבען זיי זיך פעראייניגט און געקומען קיין טשענס-טאכאו מיט 2 פארשטעלונגען און טאקי מיט זייער רעפערטואר.

דער אימפרעסאריא איז נישט געווען פארזיכטיג און ער האט אויפגעגעבען אויף די אנאנסען, אז עס קומט די ווילנער טרופע. ויחר אפו האט זיך ר' מזאה דערבייזערט און געשיקט א טע-לעגראמע אין רעדאקציע אריין, פעררו-פענדיג זיך אויפ'ן פרעסע-דעקרעט, אז מיר זאלען עס אבלייקענען, ווארום די אמת'ע ווילנער זענען יום-טוב אין וויל-נע.

אמת ה' מזאה, די ווילנער יודען זע-נען טאקי אין ווילנע (וואו דען זאלען זיי זיין?) אבער אייער מכלומר'שטע ווילנער טרופע איז גאר אין אמעריקא, רומעניען און נאך אנדערע לענדער און איהר האט נישט דאס רעכט (לויט מיין מיינונג) אונז צו דיקטירען, אז אייערע זענען די ווילנער און קיין אנדערע נישט. קיינער איז נישט פון די אמת'ע ווילנער, וועלכע זענען זיך באמת צו-פאלען און נאך נישט איהר, וואס אליין שפיעלט איהר נישט קיין טעאטער, האט דאס רעכט מיט'ן סטעמפעלע אין דער טאש זיך צו רופען ווילנער טרופע.

איבריגענ'ס האבען מיר פון אונזערע ווילנער, וואס האבען געוויילט אין טשענסטאכאוו נישט געהאט קיין חרפות פערקעהרט, מיר האבען פון זיי געהאט גרויס נחת און זיי ווילען גארנישט הא-בען דעם כבוד זיך צו רופען ווילנער, עס פערשאפט נישט היינט אזוי פיעל כבוד.

נאר עס וואלט געווען איינמאל פאר אלעמאל כדאי צו וויסען, וועלכע עס זענען פארט די אמת'ע ווילנער?

חוזק.

אנדערש קאן נישט אנגערופען ווע-רען די האנדלונג פון פרעזידענט פון די האנדווערקער-קאמער בנוגע די יו-דישע שניידער מייסטער בעת די לעצ-טע עקזאמענס.

כ'ווייס נישט צוליעב וועלכע סיבות, נאר א פאקט איז, אז בעת דעם לעצ-טען עקזאמען וואס איז פארגעקומען מיט עטליכע טעג צוריק האט מען יו-דישע שניידער זאגאר פון די ערשט-קלאסיגע, ווי למשל א איינהארן א. א. אבגעהאלטען צו עטליכע שעה אויפ'ן זייגער און זיי געפרעגט אזעלכע פרא-גען, וואס א לערן יונגעל ווייסט זיי אין די ערשטע וואכען פון די לעהר.

די דאזיגע משונה'דיגע האנדלונג האט ארויסגערופען א פערשטענדליכע אויפרעגונג צווישען די יודישע שניי-דער מייסטער, און מען האט ארויסגע-זאגט פערשידענע השערות צווישען אנ-דערע אויך, אז דער פרעזידענט וועל-כער איז אליין א שניידער זאל דאס אזוי מאכען זיינע קאנקורענטען דוקא און די יודישע בעסטע פאכמענישע מענער שניידער.

אויף וויפיעל דאס איז אמת ווייס איך נישט און איך בין נישט מחויב צו גלויבען, נאר אז אזא האנדלונג איז מעהר ווי חוזק, דאס איז בעשטימט א פאקט.

שמירה.

זייט רוהיג יודעלעך, מען היט אונז, מען האלט אונז גוט אויפ'ן אויג, אז מיר זאלען חלילה נישט בעגעהן קיין פעהלער און נישט מאכען קיין פאלשען שריט.

לעצטענס האט די פאליציי אנגעהוי-בען צו היטען, אז די דורכגעהער פון דער ערשטער אלעע זאלען זיך נישט חס ושלום אבשטעלען אויף איין מינוט און נישט שטערען דעם דורכגאנג, און עובר זייענדיג מוז מען בעצאהלען 2 זל. שטראף.

מען טאר זיך נישט אבשטעלען אפילו מיט אנ'אייגען; ווייב (מיט א פרעמדער אפשר יא?)...

דאס אויג פון פאליציאנט, וועלכער איז ספעציעל אוועקגעשטעלט געווארען אויף דעם היט גוט אב, דאס איז די אמת'ע שמירה.

די דאזיגע „שמירה". דערגעהט אפט-מאל צו קוריאזען, ווארום אויב דער סוחר שטעלט זיך אוועק פאר'ן געוועלב ארויסקוקען אויף א קונה כאפט ער א פראטאקאל, און טאמער בעווייזט זיך שוין א קונה און וויל א קוק טהון אויף דער שילד פון דער קראם כדי צו וויסען ווי צו קויפען סחורה, מוז ער בעצאהלען קוק-נעלד 2 זלאטעס.

אויך לערנט מען אונז געהן. נא פרא-ווא! שרייט אויס דער פאליציאנט, זאווי-שע נא פראווא, זעהט זיך אויס, אז דאס איז דער נייער קורס אין פוילען, נא פראווא...

ווי איהר זעהט יודעלעך, וועט מען פון אונז מאכען לייט, מען וויל אונז אבגעוואוינען פון אונזערע יודישע זי-טען און מנהגים אז מיר זאלען געהן אהן א סדר און אהן א סיסטעם, מען גיט אויף אונז אכטונג, ס'איז די אמת'ע שמירה...

דער טאטע מיט'ן זוהנדעל.

נישט בלויז ביי יודען קומען פאר אזאלכע דראסטישע סצענעס, וואו די קינדער געהען אין אנדערע דרכים ווי די עלטערן ווילען. אויך ביי זיי, ביי די גוים קומען פאר מעשיות מיט סיור-פריזען.

אט האט זיך געטומעלט אין אלע צייטונגען וועגען א מעשה פון א היגען קריסטליכען דירעקטאר'ס א זוהנדעל, וואס האט זיך פערליבט אין א שוויי-צאריש מיידעל און זי געבראכט קיין פוילען.

האט דער פאטער אנגעשטעלט, אז מען האט איהם בעגנבע'ט און דאס פארל איינישב'ענען. עס זענען פארגע-קומען דראמאטישע און טראגי-קאמישע סצענעס, אבער דאס פערליבטע פארל האט גובר געווען און זענען ארויס פריי.

קהלה-וואהלען וועלען יא פארקומען.

רבותי, איך אייל זיך אייך מודיע צו זיין, אז קהלה - וואהלען וועלען אין טשענסטאכאוו יא פארקומען.

אמת, אין ערב-פסח'דיגען נומער פון אונזער צייטונג, וואס איז ערשינען דעם 1 אפריל איז געווען געמאלדען, אז אין טשענסטאכאוו וועלען קיין קהלה-וואה-לען נישט פארקומען און פיעל דאזא-רעס און פרנסים האבען זיך געפרעהט אז אט בלייבען זיי ווייטער אויף די בענקלעך נאך א יאהר און די פרישע קאנדידאטען האבען אראבגעלאזט די קעפ, טראכטענדיג, אז אט וועלען זיי ווייטער בלייבען אויף דער פלייש-באנק.

לכן רבותי, בין איך אייך מחויב מודיע צו זיין, אז דאס איז נאר גע-ווען א פרימא-אפריל וויץ, אזוי ווי עס איז איבערהויפט די גאנצע קהלה... נאר פאקטיש וועלען ליידער די וואה-לען יא פארקומען און איהר אלע כלל-טהוער און קאך-לעפעל, קאנט זיך נע-מען צו דער ארבייט, ווארום די קהלה-וואהלען וועלען יא פארקומען.

לויתן.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער האַנדווערקער=באַנק.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער האַנדווערקער-באַנק, וואָס איז פאָרגעקומען פערגאַנגענעם זונטאָג איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג.

שוין לאַנג האָב איך נישט געזעהן אַזאַ זאַכליכע און ערנסטע בעציהונג צו אַ פערזאַמלונג און צו אַ אינסטיטוציע ווי דאָס איז געווען אויף דער אויבענדערמאַנטער פערזאַמלונג.

העכער 200 מיטגלידער אויף אַ פערזאַמלונג און אַלע האָבען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאַזם און בעגייסטערונג גערעדט וועגען זייער באַנק, געזונגען לויב ליערער דער לייטונג און מיט אונגעהויערער בעגייסטערונג און אַנערקענונג בעגריסט זייער פּרעזעס דעם ה' ש. ניעמיראָווסקי.

עס איז באמת געווען מוסטערהאַפט, און דער זייטיגער צושויער איז מיטגעריסען געוואָרען פון דער התלהבות פון די מיטגלידער פאַר זייער פיהרער.

מיר זענען דאָך געוואוינט צו זעהען אַנדערע פערזאַמלונגען, וואו מען רייסט זיך איבער נאַרישקייטען און דאָ זענען די האַנדווערקער - מאַסען געווען אַזוי בעגייסטערט, אַז עס פעהלט ממש ווערטער עס איבערצוגעבען.

די פערזאַמלונג עפענט דער פאָרזיצער פון ראַט אינזש. ה' מאַרקאָוויטש, וועלכער דערמאַנט די פערשטאָרבענע מיטגלידער איסר איזראעלאָוויטש, בעריש קאָזשמינסקי, ה. מ. לובלינג, מ. שטייניק, ז. ה. טאָפּאַר, יודל פייערמאַן און משה ראָזענצאַפט און בעהט צו בעעהרען זייער אַנדענקען מיט אויפשטעהן.

אַלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' סאַק, אַלס בייזיצענדע די ה"ה: ישראל דאַנציגער, י. זיידמאַן, ה. אופּנער, פ. קאַרפּ, סעקרעטאַר ה' א. עפּשטיין.

סעקרעטאַר עפּשטיין לעזט דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג וועלכער ווערט בעשטעטיגט.

פּרעזעס ניעמיראָווסקי גיט אָב דעם טעטיגקייטס-בעריכט און זאָגט צווישען אַנדערען:

שוין צום צווייטען מאָל קומט מיר אויס אָבצוגעבען דעם טעטיגקייטס-בעריכט פון דער יונגער אינסטיטוציע, פון דער האַנדווערקער-באַנק, איך בין שטאָלץ וואָס נישט קוקענדיג אויף דעם גרויסען קריזיס וואָס הערשט אין לאַנד, האָט זיך דאָך אונזער באַנק ענטוויקעלט און זיך ערוואָרבען די אַנערקענונג סיי פון די מיטגלידער ווי אויך פון די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס קומען מיט אונז אין קאָנטאַקט.

פאָראַיאָהרען האָבען מיר געהאַט 403 מיטגלידער, היינט האָבען מיר 507 מיטגלידער, פּאַי-קאַפּיטאַל האָבען מיר פאָראַיאָהרען געהאַט 20.425 זל., הייאָהר האָבען מיר 25,786,95 זל. ביז דעם היינטיגען טאָג בעטרעפט דער פּאַי-קאַפּיטאַל 30.000 זל. אויסער וועקסלען וואָס דאַרפען די טעג איינגעצאָהלט ווערען, אַזוי אַז דער פּאַי קאַפּיטאַל קאָן זיך פאַקטיש רעכענען נאָך מעהר. מיר האָבען אויך בעקומען אַ לאַנגטערמיניגע הלואה פון 20.000 זל. און אין די נאָהנטסטע טעג דאַרפען מיר נאָך בעקומען אַ הלואה, פון רעוויזיאָנס-פערבאַנד האָבען מיר אַ רעדיסקאָנטע פון 10.000 זל. און אין אַ היגער באַנק 10.000 זל. צוזאַמען 40.000 זל.

ווקלאַדען האָט די באַנק די סומע פון 72.280 זל. אויסער עטליכע הונדערט אָבשפּאַר ביכלעך, וואו איבער 200 פּרעמירטע אָבשפּאַר ביכלעך זענען שוין פולשטענדיג אויסגעצאָהלט און די די מיטגלידער פון די פּרעמירטע אָבשפּאַר ביכלעך וועלען קאָנען געווינען 2 אָדער 3 פּרעמיעס צו 500 זל. אַ פּרעמיע.

דיסקאָנטעס האָבען מיר פאָראַיאָהרען געמאַכט אויף 197 טויזענד זלאָטעס, הייאָהר אויף דער סומע פון 4.244.81 דורכשניטליך מאַכט אויס איבער 16 הונדערט וועקסלען אַ חודש.

פאָראַיאָהרען האָבען מיר געמאַכט אומזאַץ אויף 5 מיליאָן זלאָטעס, דאָס לעצטע יאָהר האָבען מיר 23 מיליאָן זל. אומזאַץ.

די באַנק — ענדיגט ה' נ. זיין בעריכט — האָט די אויפגאַבע צו קומען צו הילף די אָרימע פאָלקס-מאַסען מיט קרעדיט כדי זיי זאָלען זיך קאָנען דערהאַלטען אין דער איצטיגער שווערער צייט וואָס מיר טהוען מיט אַלע אָנשטרענגונגען און מיר קאָנען מיט פרייד קאָנסטאַטירען, אַז דאָס האָט זיך אונז איינגעגעבען.

זאָל די ווייטערדיגע אַרבייט ברענגען הצלחה און זאָל די באַנק ווייטער אַלץ מעהר קאָנען דינען די אינטערעסען פון די יודישע פאָלקס-מאַסען אין אונזער שטאָדט.

דירעקטאָר באַכענעק דערגענצט דעם בעריכט און לייענט גלייכצייטיג דעם בילאַנס און דערביי דערצעהלט ער, אַז די 10 טויזענד רעדיסקאָנטע וואָס די האַנדווערקער-באַנק בעקומט פון דער היגער האַנדעלס - באַנק איז אַ דאַנק דעם פּרעזעס ה' ניעמיראָווסקי, וועלכער האָט פּערזענליך אויף זיין זשירע דאָס געלד בעקומען.

פּדרוואַלטונגס זיצונגען זענען פאָרגעקומען 46.

דער בעשטאַנד טייל פון די מיטגלידער בעשטעהט פון פאָלגענדע: האַנדווערקער 379, קליינהענדלער 64, סוחרים 21 פרייע פּראָפעסיעס 26.

פּרעזעס פון ראַט דיר. מאַרקאָוויטש גיט אָב דעם בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט און פון דער רעוויזיאָנס - קאָמיסיע פון וועלכען ס'קומט אויס אַז אַראָבגערעכענענדיג אַלע היזיקות בלייבט ריינער ריוח איבער 400 זל.

אין דער דיסקוסיע נעמען אַנטייל די ה"ה פייגענבלאַט, שטרויס, קאָניעצפּאָלער, א. עפּשטיין, א. ווייס, יאַרקאָווזנע, דערעס, י. גאָלדבערג, א. דזיאַלאָזסקי, סידעצקי, אופּנער א. אַנד.

אַלע רעדנער זאָגען זיך ארויס מיט אַנערקענונג פאַר דער לייטונג איבערהויפּט פאַר דער מיהפולער אַרבייט פון פּרעזעס ה' ניעמיראָווסקי, וועלכער גיט אַוועק די באַנק זיין גאַנצע פרייע צייט און אָפּפערט זיך פיזיש, מאַטעריעל און גייסטיג. דאַן ווערען אויך אַנערקענט די גרויסע פערדינסטען פון פּרעזעס פון ראַט ה' מאַרקאָוויטש און דירעקטאָר ה' באַכענעק און די גאַנצע פערוואַלטונג מיט'ן פּערסאָנאַל.

נאָכדעם ווי פּרעזעס ניעמיראָווסקי ענטפערט אָב אַלע רעדנער, לעזט נאָך ה' באַכענעק דעם פּראָטאָקאָל פון אינספּעקטאָר פון רעוויזיאָנס-פערבאַנד פון דער רעוויזיע וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27—26 יוני 1930, דאַן ווערט איינשטימיג אָנגענומען די רעזאָלוציע פון ה' קאָניעצפּאָלער, אַז די אַלגעמיינע פערזאַמלונג דריקט אויס איהר אַנערקענונג און אַ דאַנק די פערוואַלטונג מיט'ן ראַט, איבערהויפּט דעם פּרעזעס ש. ניעמיראָווסקי פאַר זייער אונערמידליכער אַרבייט לטובת דער באַנק.

דער בודזשעט אויפ'ן לויפענדען יאָהר אויף דער סומע פון 34.500 זל. ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

עס ווערט אויך אָנגענומען דער פאָרשלאַג, אַז די באַנק קאָן אויף זיך נעמען פערפליכטונגען אויף דער סומע פון 300.000 זל. און יעדער מיטגליעד קאָן בעקומען קרעדיט ביז 2000 זל.

צום סוף קומען פאַר וואַהלען פון דער פערוואַלטונג און ראַט, היות פון דער פערוואַלטונג איז אויסגעלאָסעוועט געוואָרען דער ה' ניעמיראָווסקי ווערט לויט'ן פאָרשלאַג פון דירעקטאָר מאַרקאָוויטש דער ה' ניעמיראָווסקי צוריק אויסגעוועהלט פאַר אַקלאַמאַציע, אַלס פערטרעטער ווערען געוועהלט די ה"ה ה. אופּנער און פ. קאַטשקאַ.

אין אויפזיכטס-ראַט די ה"ה וו. גאַסטינסקי און מ. דזיאַלאָווסקי, אַלס פערטרעטער ש. גראַנעק, ד. דזיאַלאָוויטש און י. שיין.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סוחרים-פעראיין.

דעם פערגאַנגענעם מאָנטאָג 5 נאָכמ. איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון סוחרים און פאַבריקאַנטען - פעראיין.

די פערזאַמלונג עפענט דער וויצע-פּרעזעס פון פעראיין ה' מוריצי נייפעלד, וועלכער זאָגט: אַז ער עפענט די פערזאַמלונג אין פערטרעטונג פון חשוב'ן פּרעזעס ה' זיגמונט שטילער וועלכען (ווי עס איז אַלעמען בעוואוסט) עס האָט געטראָפען אַן'אומגליק אין דער צייט פון ערפילען זיין דיענסט פאַר דעם סוחר'טום פאַר וועלכען ער האָט זיך יאָהרען לאַנג גאָפּפערט, ער פּראָיעקטירט דעריבער דאָס די פערזאַמלונג זאָל איהם אַרויסשיקען אַ טעלעגראַמע, וועלכע איז ענטשפּרעכענד רעדאַגירט און איבערשיקט געוואָרען.

אויך דערמאַנט ער דעם פערשטאָרבענעם פערוואַלטונגס - מיטגליעד ה' וואָלף שפּערלינג, וועמענס אַנדענק עס ווערט בעעהרט מימ'ן אויפשטעהן.

נאָכהער גיט אָב דער ה' נויפעלד אַ קורצען בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער האַנדעלס - קאַמער, ער זאָגט צוו. אַנד. אַז צום בעדויערען טיילען זיך די מיטגלידער מיט דער אָרגאַניזאַציע זעהר ווייניג אינטערעסירען וואָס איז זעהר אַ שלעכטער סימפּטאָם, בפרט ווען יעדער סוחר נויטיגט זיך אַזוי אין דער היינטיגער צייט אין מאָראַלישער הילף, מיט וועלכע די אָרגאַניזאַציע קען יעדען מיטגליד געבען.

אויף וויפיעל די האַנדעלס - קאַמער רעכענט זיך מיט דעם יודישען סוחרים-פעראיין בעווייזט דער פאַקט וואָס דער פוילישער פעראיין האָט 2 און דער יודישער האָט 3 פאָרשטעהער.

אויף ווי ווייט די האַנדעלס - קאַמער אינטערעסירט זיך מיט דעם סוחר'טום קען אויך דינען דער פאַקט וואָס זי איז צוגעטרעטען אָרגאַניזירען אין דער קעלצער וואָיעוואָדסטוואַ אַ גאַנצען ציקל פון רעפעראַטען וועלכע ווערען געהאַלטען דורך אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען (די אויסגאַבען פון די רעפעראַטען דעקט די האַנדעלס-קאַמער) וואָס וועט געוויס דערהויבען דעם גייסטיגען ניוואָ פון פוילישען סוחר'טום אין וועלכען מיר נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק אין איצטיגען מאָמענט (דעם פּראָגראַם וועלען מיר ברענגען אין צווייטען נומער).

אַלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוועהלט דער ה' אינזשיניער רייצאַם, וועלכער פערבעהט אַלס אַסעסאָרען די ה"ה געווערצמאַן, ברום און אַלס סעקרעטאַר דעם ה' קעמפּנער.

אַפּל. האַסענפעלד לעזט דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער פערזאַמלונג וועלכער ווערט אָנגענומען צו קענטניס.

דער פערוואַלטונגס-מיטגליעד ה' ש. ראַדאַל גיט אָב דעם טעטיגקייטס - בעריכט, וועלכער זאָגט, דאָס דער עקאָנאָמישער קריזיס און די אונגעהויערע שטייערן-לאַסטען האָבען דערגרייכט איהר העכסטען פונקט.

די פערוואַלטונג האָט געהאַט אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט די האַנדעלס-קאַמער, וועלכע האָט רעגולירט דעם אימפּאָרט פון סחורות, אויך האָט די פערוואַלטונג געזעהען אַז די סוחרים זאָלען בעקומען אויסלענדישע הנחה-פּעסער.

די פערוואַלטונג האָט אויך אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען נישט-עהרליכע קאָנקורענץ, וועלכע גיט זיך איהר איין.

צו די סיים און סענאַט וואַהלען האָט די פערוואַלטונג געגעבען איהרע מיטגלידער פרייע הענד דערפאַר ווייל דאָס פוילישע יודענטום איז געווען צושפּליטערט.

אויך עקזיסטירט ביים פעראיין אַ עהרען-געריכט, וועלכע האָט שוין אויסגעגליכט פערשידענע שטרייטען, ער טאַדעלט דעריבער די מיטגלידער, וועלכע שאַצען נישט אָב ווי געהעריג די וויכטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פערטיידיגט אויף יעדען שריט און טריט די אינטערעסען פון היגען סוחר'טום.

ער אַפּעלירט צו די אַנוועזענדע אַז זיי זאָלען זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע מעהר פעראינטערעסירען.

אין דער דיסקוסיע נעהמען אַנטייל די ה"ה נאָוואַק, קעמפּנער, מיסקאַ, שעלצער, ליבראָוויטש, נויפעלד, וועקסלער, נ. ד. בערלינער, אַפּל. האַסענפעלד, ניעמיראָווסקי, ג. לאַוניק פ. שפּירא, וועלכער טאַדעלט די צענטראַלע וואָס זי פערנעמט זיך מעהר מיט פּאָליטיק ווי מיט ווירטשאַפטליכע פראַגען און פאָדערט דאָס מען זאָל פּראָטעסטירען קעגען אַזאַ האַנדלונג און פאָדערען אַן לאַנדעס-צוזאַמענפאָהר פון אַלע סוחרים-אָרגאַניזאַציעס וועלכע זאָלען וועהלען אַן'ענטשפּרעכענדע רעפּרעזענטאַנץ, דאַן רעדען נאָך די ה"ה גאַנשצאַראָוויטש, לאַנגנער, פּרעזעס גאָלדשטיין און ראַדאַל.

אויף די אַלע פאָרוואָרפען ענטפערט ה' נויפעלד, וועלכער זאָגט דאָס די האַנדעלס-קאַמער אַרבייט אויס אַ געזעץ פּראָיעקט וועגען נישט-עהרליכע קאָנקורענץ און קעגען בייזוויליגע באַנקראָטען.

וואָס אַנבעלאַנגט די הויכע שטייערען זענען שולדיג די סוחרים זעלבסט, מיט דעם וואָס זיי פיהרען נישט קיין האַנדעלס-ביכער, קוים 10 פּראָצענט פון סוחר'טום פיהרען האַנדעלס-ביכער און אָט זענען די קאָנסעקווענצען.

עס ווערט אָנגענומען אַ בעשלוס, דאָס די פערוואַלטונג מוז דורכאויס צונויפרופען 4 מאָל אין יאָהר אַלגעמיינע פערזאַמלונגען, כדי צו מאַכען מעהר בעוואוסטזיניג די מיטגלידער.

דער סעקרעטאַר אַפּל. האַסענפעלד לעזט דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, וואָס ווערט דורך אַלע בעשטעטיגט.

פערוו.-מיטגליד ה' יאָאַכים דאַווידאָוויטש רעפערירט דעם בודזשעט אויפ'ן 1931 י. וועלכער ווערט אָנגענ. אָהן אויסבעסערונגען אין דער הויך פון 16.100 זל. מיט'ן רעכט פון איבערשרייטען מיט 10 פּראָצ.

דאַן איז מען צוגעטרעטען צו וועהלען אַ פערוואַלטונג, וועלכע האָט געגעבען פאָלגענדען רעזולטאַט ה"ה: פויסט, אַלטמאַן, וועקסלער, ענגעל, שטאַרקע, קאָן. אַלס פערטרעטער ה"ה: נ. ד. בערלינער, שאַיאַ, מיענטקעוויטש און גאַנשצאַראָוויטש.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ה"ה: קראַק, פּאַפּיערניק, סויקאַ, קאַץ און העלמאַן.

ל. ק.

די אַלג. פערזאַמלונג פון דער ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען אָרגאַניזאַציע.

דעם פערגאַנגענעם שבת-צו-נאַכטס 9 אַ זייגער אָוועט איז אינ'ם לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער ציוניסטען- רעוויזיאָניסטען אָרגאַניזאַציע.

ביי דער אַנוועזענהייט פון 25 פּערזאָן עפענט די פערזאַמלונג דער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' בראַטמאַן.

אַלס פאָרזיצענדער ווערט אויסגעוועהלט ה' מ. רוזשעוויטש, וועלכער פערבעט אַלס אַסעסאָרען די ה"ה דאַנציגער, פּיק און אַלס סעקרעטאַר ה' זילבערבערג.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אָב ה' בראַטמאַן, וועלכער זאָגט, אַז ער רעדט מיט'ן בעוואוסטזיין פון זעלבסטקריטיק, ד. ה. אַז ער זעלבסט אַנערקענט, אַז די פערוואַלטונג איז נישט אין אָרדנונג און זי האָט נישט געטהון דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט טהון און וואָס עס איז געווען איהר פליכט, טאַדלענדיג דערביי געוויסע פערוואַלטונגס-מיטגלידער, פאַר וועלכע אַט די דאָזיגע טראָגען די גאַנצע שולד און וועלכע האָבען זאָגאַר פיעל שאַדען געברענגט די אינטערעסען פון רעוויזיאָניזם. ער אַפּעלירט דעריבער צו די מיטגלידער, דאָס זיי זאָלען האַנדלען אַזוי ווי דאָס רעוויזיאָניסטישע געוויסען דיקטירט זיי.

עס ענטוויקעלט זיך דאַן אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל די ה"ה פּאַטאַשעוויטש, קאַפּינסקי, דאַנציגער, רוזשעוויטש, וואַרשאַווער, שטערענבערג, בראַטמאַן, לאַסקער, לוסטיגער, זילבערבערג און זעלצער.

עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע טעכנישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען, עס ווערט בעשלאָסען איינצואָרדנען פערשידענע רעפעראַטען און דיסקוסיע-אָווענדען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען ווערט אָנגענומען אַ גאַנצע רייהע רעזאָלוציעס פון פּאָליטישען און לאָקאַלען כאַראַקטער.

דאַן איז מען צוגעטרעטען צו וועהלען אַ פערוואַלטונג, וועלכע האָבען געגעבען פאָלגענדען רעזולטאַט. אין דער פערוואַלטונג: מ. רוזשעוויטש, א. איצקאָוויטש, א. בראַטמאַן, י. וואַרשאַווער און פ. לאַסקער.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ה"ה: פראַנק, דאַנציגער און זעלצער.

אין דער ווערבירונגס-קאָמיסיע ה"ה לוסטיגער, קאַפּינסקי, בראַטמאַן און וואַרשאַווער.

מיט דעם ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען 2 אַ זייגער ביינאַכט.

זונטאָג, דעם 5 ד. ח. איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון דער ניי-געוועהלטער פערזאַמלונג. אַלס פּרעזעס ווערט אויסגעוועהלט ה' אליהו איצקאָוויטש, וויצע-פּרעזעס—מ. רוזשעוויטש און אַלס סעקרעטאַר—א. בראַטמאַן.

צווישען אַנדערע איז בעשלאָסען געוואָרען איינצואָרדנען אין די נאָהנטסטע טעג אַ חברים - שמועס ביי אַ גלעזיל כרמל-וויין.

ל. ק.

Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927.

וואהל-פערזאמלונגען.

די לעצטע צייט איבערהויפּט אין די טעג פון פסח און חול-המועד זענען דורך די פערשידענע יודישע ריכטונגען אין אונזער שטאָדט איינגעאָרדענט געוואָרען וואהל-פערזאמלונגען אויף וועלכע מען האָט שוין גאָר וואָרים ארומגערעדט די פאָרשטעהענדע קהלה-וואהלען.

אזעלכע פערזאמלונגען זענען פאָרגעקומען ביי די ציונים, אגודה, און אויך ביי די פערשידענע אונפּארטייאישע גרופּען וועלכע גרייטען זיך שטארק צו די קהלה-וואהלען.

אויף די פערזאמלונגען זענען געשאַפען געוואָרען די ענטשפּרעכענדע וואהל-קאָמיטעטען וועלכע האָבען אָנצופיהרען מיט דער ארבייט אַגיטאציע און פּראָפּאַגאנדע.

פון רעליגיעזען אונפּארטייאישען וואהל-קאָמיטעט האָבען מיר בעקומען אַ גרעסערען בעריכט פון דער גרינדונג פון א אונפּארטייאישען וואהל-קאָמיטעט. צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ וועלען מיר דעם גענויען בעריכט געבען אין קינפטיגען נומער פון אונזער צייטונג.

PIEGI
RADYKALNIE USUWA
OD 25 LAT ZNANY
KREM
LANOL
DO NABYCIA WSZĘDZIE
PARFUMERIE D'ORIENT • WARSZAWA

וואהל-קאָמיטעט פון „מזרחי".

די לעצטע טעג ווערען אין לאָקאַל פון „מזרחי" אַגראַדאָווא 14, פאָרגעקומען עטליכע גרעסערע פערזאמלונגען פון די מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון מזרחי, אין צוזאמענהאַנג מיט די פאָרשטעהענדע קהלה-וואהלען.

אלע אָנוועזענדע האָבען זיך ארויסגעזאָגט אז דער „מזרחי" אלס דער איינציגער פאָרשטעהער פון רעליגיעז-נאַציאָנאַלען יודענטום, מוז זיך אומבעדינגט בעטייליגען אין די וואָהלען מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ וואהל-קאָמיטעט וועלכער זאָל זיך פערנעמען מיט די טעכנישע ארבייטען ביז די וואהלען.

קומענדען שבת-צו-נאַכטס קומט פאָר אין לאָקאַל פון „מזרחי" א גרויסע וואהל-פערזאמלונג, אויף וועלכער דער פּרעזעס פון „מזרחי" דער טאַלאַנטפולער מטיף ר' יוסף שמעון קאַבלינץ וועט רעדען וועגען די אויפגאַבען פון דעם רעליגיעז-נאַציאָנאַלען יודענטום ביי די יעצטיגע קהלה-וואהלען, און דער וואהל-קאָמיטעט וועט זיך קאָנסטיטואירען.

דער בעריהמטער אָבער-קאַנטאָר קוסעוויצקי אין טשענסטאָכאָוו.

פרייטאג דעם 25 אפּריל און צומאָרגענס שבת פריה וועט אין דער נייער סינאַגאָגע דאַווענען דער וועלט-בעריהמטער אָבער-קאַנטאָר פון דער וואַרשאָווער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, מ. קוסעוויצקי.

עס איז איבעריג צו שרייבען וועגען דעם פענאָמענאַלען זינגער, וואָס איז בעריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט מיט זיין העלדען-טענאָר.

די טשענסטאָכאָווער יודען וועלען דאָס מאָל האָבען די געלעגענהייט צו בעוואונדערען דעם וואונדערבאָרען וועלט חזן און זינגער.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באָטשאַן אַלעע 6.

א געוויסער פּראָצענט געהט פאַר בית לחם.

נדבות אין רעדאַקציע.

פון אַ סכסוך צווישען 2 סוחרים 25 זל. פאַר בית לחם, ש. ניעמיראָווסקי 10 זלאָטעס בית לחם. י. מאַנעלא 2 זל. קרן קימת.

BARDZO DUŻO OSÓB POLEPSZYŁO SWOJE ZDROWIE
D-RA KOWENA
(DR CAUVIN)
OCZYSZCZAJĄ KREW i REGULUJĄ CZYNNOŚCI KISZEK
PIGUŁKI KOWENA
SĄ DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH

דאַמען-מאנטלען און קאָסטיומען

M. STAWSKI, Aleja 12 אין דעם בעוואוסטען ווערקשטעל פון

איז צו בעקומען אין אַ שיינעם אויסוואַהל די לעצטע

נייהייטען פון שטאָף און פאַסאָן.

עס ווערען אויך אָנגענומען אַלערלעי בעשטעלונגען פון אייגענע און פערטרויטע שטאָפען.

גאַנץ מעסיגע פּרייזען.

ליגע פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל אין טשענסטאָכאָוו.

האַנדווערקער-זאַל, אַלעע 40

שבת, דעם 11 אַפּריל 1931 י. א זייגער 3 נאָכמיטאָג קומט פאָר

א מאַסען פערזאַמלונג

געווידמעט דעם ארבייטענדען ארץ-ישראל,

מיט'ן אנטייל פון ה' י. פּונט. איינגאַנג פריי.

צום זומער-סעזאָן

א גרויסער אויסוואַהל פון דאַמען, מענער און קינדער-שיך

נייעסטע מאָדעלען שענסטע פאַסאָנען

איז צו בעקומען צו מעסיגע פּרייזען

אין ערשטקלאַסיגען שוך-געשעפט

„ווענוס", 2 אלעע 29.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu własnym ul. Waszyngtona d. Jasna 49.

Udziela lekcji w kompletach i pojedyńczo

Zapisy codziennie od 10 rano do 9 wiecz

אכטונג! יעדען שבת פּראַקטישע לעקציעס פון 8 א זייגער אָוענד, ספּעציעל פאַר דער יודישער געזעלשאַפט.

איך קאָן בעשעפטיגען א מענש

וועלכער איז גוט בעקאַנט אין אָננעמען בעשטעלונגען פאַר שאָבטעל-אַרבייט,

א פּראַקטיצירטער פאַכמאַן מעהר געוואונשען,

מעלדען זיך צו:

דאַנציגער,

נאַדרזשעטשנאַ 78.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האנדעלס-באַנק.

מאָרגען שבת דעם 11 ד"ח קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל נייער מארק 4, די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדעלס באַנק, מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

פּערזענליכעס.

אין אונזער שטאָדט ווײַלט זייט איינִיגע טעג דער יונגער טאַלאַנטפולער גראַפיקער און מאָלער ה' י. לעוויט, וועלכער פאָהרט אינגיכען קיין פּאַריז אויף ווייטערע סטודיען. ער געהערט היינט צו טאָג צו די בעסטע גראַפיקער. די קונסט-אויסשטעלונגען פון ה' לעוויט האָבען געפונען אַ וואַרעמע און גינסטיגע אָנערקענונג פון דער אַלגעמיינער פּרעסע.

י. לעוויט, וועלכער איז אַנ'איינִיקעל פון בעקאַנטען היגען מזרחי-פיהרער און דאָזאָר ה' יוסף שמעון קאַבלינץ, האָט אויך געוואונען דעם קאָנקורס, וואָס עס האָט איינגעאָרדענט די בעריהמטע „אַדריאַ" אין וואַרשאַ.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון „אחיעזר".

זונטאג דעם 11 ד"ח 3 נ"מ קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער האַנדווערקער באַנק אלעע 12, די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געז. „אחיעזר"

היות ווי די געזעלשאַפט „אחיעזר" האָט אין איהרע אויפגאַבען זעהר וויכטיגע הומאַניטאַרע ציעלען, איז ווינשענסווערט אז אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זאָלען זיך בעטייליגען אין דער אַלג. פערזאַמלונג.

בעריכטיגונג.

אין פאָריגען נומער פון אונזער צייטונג, האָבען מיר געשריבען וועגען פאַרפאַל מיט'ן אויטאָ פון יודישען שאָפער הערשליקאָוויטש און דערביי האָבען מיר צוגעגעבען אז די פּאַסאַזשירען זענען פערוואונדעט געוואָרען און דער אויטאָ איז צובראָכען געוואָרען.

ווי ה' הערשליקאָוויטש גיט אונז איבער, שטעלט זיך די זאַך פאָר אויף פאָלגענדען אופן:

ה' ה. האָט אָנפיהרענדיג מיט'ן אויטאָ, בעמערקט אויפ'ן וועג א שפּאַצירענדען פויער און טראַץ די סיגנאַלען וואָס ה' ה. האָט געגעבען איז דער פויער, וועלכער איז געוועזען טויב, נישט אראָב פון וועג, דאַן האָט ה' ה. איינגעהאַלטען דעם אויטאָ נישט וועלענדיג איבערפאָהרען דעם פויער און זיך אויסגעגליטשט. די פּאַסאַזשירען זענען אָבגעקומען מיט שרעק אויסער איינער ה' זיגעלבוים, וואָס איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען. אויך איז נישט ריכטיג אז דער אויטאָ זאָל האָבען צובראָכען געוואָרען, וואָרום מיט'ן זעלבען אויטאָ איז ה' ה. צוריקגעפאָהרען קיין טשענסטאָכאָוו.

וואָרנונג.

אויפ'ן מאַרק האָבען זיך בעוויזען פאַלסיפיקאַטען פון אמאָניאַקאַלע סאָדע, וועלכע ענטהאַלטען שעדליכע צומישונגען און ווערטלאָזע סוראָגאַטען און זיי ווערען פערקויפט אונטער נעמען וואָס קענען אריינפיהרען אין טעות די ג' קליענטעלע.

מיר וואָרנען געגען קויפען די דאָזיגע פאַלסיפיקאַטען און מעלדען, אז די איינציגע

אַמאָניאַקאַלע אָדער קאַלצינירטע סאָדע

(ביעלידלאָ) פון די

ZAKŁADY SOLVAY w POLSCE

ענטהאַלט 98% ריינע סאָדע

און איז אַ ריינער און פולווערטיגער פּראָדוקט.

כדי צו פערהיטען אונזער געעהרטע קליענטעלע פאַר די פאַלסיפיקאַטען, איז יעדעס אָריגינעלע זעקעל אַמאָניאַק-סאָדע פון די

„Zakłady Solvay w Polsce"

פערזעהן מיט א פירמע-פּלאָמבע אויף וועלכער מיר בעטען אַכט צו לעגען ביים קויפען.

Zakłady Solvay w Polsce

Oddział w Częstochowie:

Ul. Handlowa 3, Tel. № 5-23.

Warszawa, w marcu 1931 r.

בעמערקונג: די שולדיגע אין פערשפּרייטען פאַלסיפיקאַטען, אלס אמאָניאַקאַלע סאָדע וועלען צוגעצויגען ווערען צו פעראַנטוואָרטליכקייט

זונטאַג, דעם 12 אַפּריל 1931 י, 3 אַ זייגער נאָכמיטאַג

וועט אין לאָקאַל פון קאָאָפּ. האַנדווערקער-באַנק, אלעע 12, פאָרקומען די

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון „אחיעזר"

אויף וועלכער אַלע מיטגלידער ווערען איינגעלאַדען. — אין פאַל פון פעהלען פון אַ קוואָרום, וועט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פאָרקומען דעם זעלבען טאָג 4 נאָכמיטאָג ביי יעדער צאָהל אָנוועזענדע.

טאָג.אָרדנונג: 1) איינלייטונג, 2) וואהלען פון אַ פּרעזידיום און פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) בעריכט פון דער טעטיגקייט און אויספיהרען דעם § 17 פון סטאַטוט. 4) קאַסע-בעריכט, פּראָטאָקאָל פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע און בעשטעטיגונג פון'ם בעריכט, 5) בודזשעט אויף 1931 י., 6) וואהלען פון א פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 7) פרייע פאָרשלאַגען.

ווער ווייסט דאָס נישט, אז אין קאָאָפּעראַטיוו

„אַבוביע" נייער מאַרק 2

טעלעפאָן 8-60

איז דער גרעסטער אויסוואַהל פון קינדער-שיך, פאַנטאָפעל: לאַקירטע, גימזענע, ברוינע, טשעליסטע ווי אויך פריהמאָרגען-פאַנטאָפעל און גרויסע סאַנדאַלען.

אַלץ ווערט אויסגעאַרבייט אין אייגענעם ווערקשטאַט, דעריבער איז די סחורה

רעיעל, גוט און ביליג. — — — ווער עס קויפט איינמאל בלייבט א שטענדיגער קונה.

פאַר אַרבייטער און האַנדווערקער א ספּעציעלער ראַבאַט. — הערט און דערציילט.

ערשטער גרויסער יודישער קלאַנג-פילם

רעאַליזירט דורכ'ן קעניג פון די רעזשיסערען ע. א. ריפאָן

דאס אייביגע ליעד

מיט'ן אנטייל פון דער בעריהמטער קינסטלערין פון „הבימה" מרים עליאש

וועלכע זינגט

יודישע פאלקס-ליעדער

פילם פון הויכען אַרטיסטישען ווערט אין וועלכען עס ווערען אָנגערירט די אָנגעווייטאָגסטע סטרונעס פון יודישען הארץ.

— — די טראַגעדיע פון דער יודישער גאַס. — —

— — — דער קאַמף צווישען געפיהלען פון ליעבע און די טראַדיציעס פון אונזערע אבות. — — —

די דראַמע דאָס אייביגע ליעד וועט זיין אַנ'אמת'ער גענוס און וועט פערשאַפען די גרעסטע עמאָציעס פאַר די ליבהאָבער פון דער אמת'ער פילם-קונסט.

די שרעקליכע פּאָגראָמען אין גאַליציען!

די האַנדלונג קומט פאָר בשעת דער מלחמה אין גאַליציען!

אויף דער סצענע: אויפטריטען פון ניי-אַנגאַזשירטע אַרטיסטען

בעקאַנטער אַרטיסט פון „קווי-פּראָ-קוואָ" ערמונד מינאָוויטש, וואָדעוויליסטין ה. זמיכראָווסקאַ

און דער אויסגעצייכענטער טענצער-דועט זוויערזינסקי.

קינאָ

CASINO

די פּרייזען זענען ערנידריגט

אלע פּלעצער ביז'ן אנהויב פון ערשטען סעאַנס 1 זל., די איבעריגע סעאַנסען ערשטער פּלאַץ 1 זל., צווייטער פּלאַץ און באַלקאָן 1,20 און דריטער פּלאַץ 1,50

DJABEŁ

היינט! דער ליבלינג פון אלע ראָד-לאַ-ראָק אלס העלדישער אַוואַנטוריסט—געליבט דורך פרויען

קעמפט וועגען הארץ פון דער שעהנער סוע קאַראָל אין גרויסען דראַמע פון קאַבאַרעט-לעבען.

— — איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנגען. — —

אכטונג: פרייטאָג 2, שבת און זונטאָג האַלב איינס—די לעצטע דריי טאָג-סעאַנסען

פאָט און פּאַטאַשאָן אלס שיסער.

קרזעסלאָ 50 גר. פאַר אַלע.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאַנס 9.30 אָוענד.

קרזעסלאָ אויף אלע פּלעצער 1 זל. 20 גר.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם! 20 אקטען! פון מיטוואָך דעם 8 און ווייטערע טעג

מעכטיגע דראַמע פון בלוט, צער, טרעהרען פון לעבען אינ'ם יודישען געהעטאָ!

דער פילם ווערט אילוסטרירט מיט א יודישען כאָר פון 10 פּערזאָן!

כל-נדרי (ז'ער שיילאָק פון קראָקאָ)

טראַגעדיע פון א פערפיהרטער אין 8 גרויסע אַקטען. — די האַנדלונג קומט פאָר אין קראָקאָ.

אין דער הויפּט-ראָל: וועלט-בעריהמטער טראַגיקער יוסף שילדקרויט.

גרויסע טראַגעדיע פון דער וועלט-מלחמה אין 12 אקטען אויף דער דעק פון אַנ'אונטערוואַסער-שיף.

Kino „Słońce"

אַגראַדאָווא 26.

פּרייזען פון 50 גראָשען ביז 1,50

Redaktor: Izrael Płockier Wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleja 6